בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קנ"ו

יו"ל: ט"ו כסלו ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

'פאר וכבוד נותנים לשמו'

א גוטער 'עולם התוהו'...

ביז נאך דער טיר

מיט טרערן אויסגעוואשן

קומי רוני בלילה

גיי ארויס פון דיין שטוב

דער סוד פון חנוכה

איבערדרייען 'בין-המצָרים' אויף 'חנוכה'...

אַן אתרוג אום חנוכה?

זיך גרייטן צום דאווענען

אומאן - שבת חנוכה

חנוכה שפילן

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו-כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #156**

# שיחת חיזוק

**פרשת מטות-מסעי שנת תשל"ו**

## 'פאר וכבוד נותנים לשמו'

דער רבי רעדט אין תורה י"ז[א], עס איז דא א התפארות 'בכלל', און א התפארות 'בפרט', און א התפארות 'בפרטי פרטיות'. דער רבי וויל מאכן פון אונז אז דער אויבערשטער זאל זיך מתפאר זיין מיט אונז; מיט יעדן איינעם פון זיינע מענטשן זאל זיך דער אויבערשטער מתפאר זיין 'בכלל ובפרט', און 'בפרטי פרטיות'[ב] - מיט יעדעם איבר זיינעם - 'ער האט שיינע אויגן'! 'אזא מענטש - אין דעם עולם פול מיט תאוות - און ער האט 'ריינע אויגן' - אט דאס איז 'שיינע אויגן'!' (כמו־כן,) א ריין מויל, א ריינער מח, ריינע הענט - 'נקי כפיים'.

---

[א] **וזל"ש בקיצור** (מתוך קיצור ליקו"מ): הַצַּדִּיק מְבַקֵּשׁ וּמְחַפֵּשׂ תָּמִיד לְגַלּוֹת הָרְצוֹנוֹת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ... וּמַשִּׂיג וּמוֹצֵא אוֹתָם עַל־יְדֵי הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁמּוֹצֵא בְּיִשְׂרָאֵל בִּכְלָל וּבִפְרָט וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת. כִּי כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא רַק בִּשְׁבִיל שֶׁצָּפָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַהִתְפָּאֲרוּת וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁיְּקַבֵּל מִיִּשְׂרָאֵל. וּכְלַל הַבְּרִיאָה הָיָה בִּשְׁבִיל הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיְּקַבֵּל מִכְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּפְרָטֵי הַבְּרִיאָה הָיָה בִּשְׁבִיל הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיְּקַבֵּל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְרָטִיּוּת מִכָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל. וְכֵן הַשִּׁנּוּיִים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל הַנִּבְרָאִים, הָיָה כְּפִי הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיְּקַבֵּל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת מִכָּל תְּנוּעָה טוֹבָה שֶׁבּוֹ. וְהַצַּדִּיק מְחַפֵּשׂ וּמְבַקֵּשׁ תָּמִיד וּמוֹצֵא הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁיֵּשׁ בְּיִשְׂרָאֵל בִּכְלָל וּבִפְרָט וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, וְעַל־יְדֵי־זֶה יוֹדֵעַ וּמַשִּׂיג כָּל הָרְצוֹנוֹת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ בְּכָל הַבְּרִיאָה בִּכְלָל וּבִפְרָט וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת.

[ב] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' טוען ונטען ה"ה אות י"ג: וְזֶה בְּחִינַת מִצְוַת **נֵר חֲנֻכָּה אִישׁ וּבֵיתוֹ** - זֶה בְּחִינַת אוֹר הִתְפָּאֲרוּת בִּכְלָל. **וְהַמְהַדְּרִין נֵר לְכָל אֶחָד וְאֶחָד** - זֶה בְּחִינַת אוֹר הִתְפָּאֲרוּת בִּפְרָטִיּוּת שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל מִכָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָטִיּוּת. **וְהַמְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין** - מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ בְּכָל יוֹם, זֶה בְּחִינַת הִתְפָּאֲרוּת בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְקַבֵּל מִכָּל אֵיבָר שֶׁל יִשְׂרָאֵל **אֲפִלּוּ מֵהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל. שֶׁזֶּהוּ הָעִקָּר, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַצַּדִּיק שֶׁיָּכוֹל לְהָאִיר וּלְגַלּוֹת הַהִתְפָּאֲרוּת בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה יָכוֹל לְהוֹסִיף אוֹר בְּכָל יוֹם וָיוֹם, כִּי בְּכָל יוֹם וְיוֹם מוֹצֵא אֵיזֶה הִתְפָּאֲרוּת בְּאֵיזֶה אֵיבָר מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת שֶׁעַל יְדֵי זֶה מִתְקַיֵּם הָעוֹלָם בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם.

דער רבי רעדט אז אט דאס איז דעם אויבערשטנ'ס 'תפילין'[ג]. די תפילין פון דעם אויבערשטן איז וואס דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט אונז; וואס שטייט אין דעם אויבערשטנ'ס תפילין? "ומי כעמך ישראל גוי אחד!". אין אונזערע תפילין זענען מיר זיך מתפאר מיטן אויבערשטן - "שמע ישראל" וכו' - דאס איז אונזערע תפילין; און אין די תפילין פון דעם 'מארי עלמא' איז דער אויבערשטער זיך מתפאר מיט אונז.

קומט אויס, יעדער פרט וואס דער אויבערשטער האט פון מיר 'התפארות' - אט דאס איז זיינע 'תפילין'! דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט מיר מיט איין טאג וואס איך טוה - דאס איז זיינע תפילין! 'תפילין דמארי עלמא' - וואס שטייט דארטן? "מי כעמך ישראל גוי אחד!".

(ר' נחמן בורשטיין: ווער האט געזאגט אז מען זאל נישט פסל'ן די תפילין - ר' יצחק בער?) **יא יא. ר' יצחק בער האט אזוי געזאגט: "אויב דאס איז די תפילין פון דעם אויבערשטן, 'מי כעמך ישראל', ממילא אז איך טוה עפעס א זאך קעגן דעם אויבערשטנ'ס רצון, האט דער אויבערשטער נישט קיין התפארות - טוה איך דאך פסל'ן זיינע תפילין!". ווארום 'תפילין', אז איין אות איז נישט כראוי, אפילו 'עפעס', איז דאך א פְּסוּל אין די תפילין![ד] דער אויבערשטער - דאס וואס ער בארימט זיך מיט אונז - דאס איז זיינע תפילין.**

אונזערע תפילין איז וואס מיר בארימען זיך מיטן אויבערשטן; דארף מען אויך זעהן היטן, האבן 'כשר'ע תפילין' - מיר בארימען זיך דאך מיטן אויבערשטן - דאס איז

---

[ג] וזל"ש: וּכְמוֹ שֶׁעַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם מִתְפָּאֲרִים עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ, עַל יְדֵי זֶה נוֹפֵל יִרְאָה, כִּי הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת תְּפִלִּין, שֶׁנִּקְרָאִים פְּאֵר (בְּרָכוֹת יא), וְעַל יָדָם נִתְגַּלֶּה יִרְאָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו): 'מִנַּיִן שֶׁהַתְּפִלִּין הֵם עֹז לְיִשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר: "וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ"'. נִמְצָא, שֶׁעַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁמִּתְפָּאֲרִין יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ, עַל יְדֵי זֶה נוֹפֵל יִרְאָה, כְּמוֹ כֵן עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁמִּתְפָּאֵר בְּיִשְׂרָאֵל, שֶׁזֶּה בְּחִינַת תְּפִלִּין שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם) (מִנַּיִן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַנִּיחַ תְּפִלִּין וְכוּ'. וְאִיתָא שָׁם, שֶׁהַתְּפִלִּין שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כָּתוּב בָּהֶם הַהִתְפָּאֲרוּת, שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר עִם עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, כִּדְאִיתָא שָׁם, שֶׁתְּפִלִּין דְּמָארֵי עָלְמָא כְּתִיב בְּהוּ: וּמִי כְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וְכוּ', כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל וְכוּ') עַל יְדֵי הַהִתְפָּאֲרוּת הַזֹּאת מִתְגַּלָּה הַיִּרְאָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ לִירְאָה מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ.

[ד] עיין 'אור לשמים' פר' קדושים: וצריך כל אדם קודם הנחת תפילין לישב בעצמו ולפשפש במעשיו שלא יאמר עליו 'מה לך לספר חוקי' (תהלים נ, טז), ובפרט מעון לשון הרע ח"ו, **שבזה גורם חלילה פסול בתפילין דמארי עלמא** דכתיב בהו 'ומי כעמך ישראל גוי אחד' (ברכות ו. ע"פ שמ"ב ז, כג).

אונזערע תפילין; און די תפילין פון דעם אויבערשטן איז וואס דער אויבערשטער בארימט זיך מיט אונז; עס איז איין זאך גאר, וואס מיר בארימען זיך מער מיטן אויבערשטן - בארימט זיך דער אויבערשטער מיט אונז מער[ה].

**מיר בארימען זיך מיטן אויבערשטן!**

**מיר בארימען זיך מיט דער תורה הקדושה!**

**איך באַרים זיך מיטן אויבערשטן, מיט די אלע מצוות התורה, מיט זיין רצון!**

**דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"ד[ו], בשעת דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דער 'תורה', האט ער אונז געגעבן זיין 'רצון'.**

**וואס איז די 'תורה'? 'רצונו יתברך' שטייט אין דער תורה, 'ורצונו נמסר בידינו', האבן מיר ביי זיך 'רצונו'; דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן 'רצונו' צו אונז!**

**דער רבי רעדט טאקע דא אז 'רצון' מיט 'התפארות' איז איין זאך[ז].**

❖ ❖ ❖

---

[ה] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת המזון ה"ד אות ט': מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה עָמְדָה עַל יִשְׂרָאֵל לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתוֹ וּלְהַעֲבִירָם עַל חֻקֵּי רְצוֹנוֹ כִּי הִתְקַנְּאוּ בְּהַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר בָּנוּ עַל יְדֵי קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת וְרָצוּ לְבַטֵּל אֶת הַתּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם וְאָמְרוּ כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא הֵפֶךְ הַהִתְפָּאֲרוּת מַה שֶּׁאָנוּ מִתְפָּאֲרִין בּוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא אֱלֹקֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַמּוֹ וְהֵם רָצוּ לְבַטֵּל זֹאת הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת בִּטּוּל הַהִתְפָּאֲרוּת שֶׁל ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר בָּנוּ **כִּי הָא בְּהָא תַּלְיָא וּשְׁנֵיהֶם אֶחָד**. כִּי כְּפִי קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת וּכְפִי הַהִתְפָּאֲרוּת וְהַשִּׂמְחָה שֶׁאָנוּ מִתְפָּאֲרִין בּוֹ וּשְׂמֵחִין בּוֹ יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ כֵן הוּא יִתְבָּרַךְ שָׂשׂ וּמִתְפָּאֵר בָּנוּ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אֶת ה' הֶאֱמַרְתָּ וְה' הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם וְכוּ' וּלְתִתְּךָ עֶלְיוֹן וְכוּ' לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת וְכוּ'.

[ו] אות ד', וזל"ש: קֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה הָיָה הַמֶּמְשָׁלָה בְּיַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאַחַר מַתַּן תּוֹרָה נָתַן הַמֶּמְשָׁלָה לְיַד כָּל יִשְׂרָאֵל, כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ. כִּי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה הֵם הִתְלַבְּשׁוּת רְצוֹנוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי רְצוֹנוֹ שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהַמִּצְווֹת יִהְיוּ כָּךְ. לְמָשָׁל מִצְוַת תְּפִלִּין, הָיָה רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה בְּאַרְבַּע פָּרָשִׁיּוֹת וּבָתִּים שֶׁל עוֹר וְלֹא שֶׁל כֶּסֶף, כִּי כֵן רְצוֹנוֹ, נִמְצָא שֶׁרְצוֹנוֹ מְלֻבָּשׁ בְּכָל הַתּוֹרָה. וְעַכְשָׁו שֶׁהַתּוֹרָה מְסוּרָה בְּיָדֵינוּ, גַּם הָרָצוֹן שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְסוּרָה בְּיָדֵינוּ. שֶׁאָנוּ מוֹשְׁלִין כִּבְיָכוֹל לִהְיוֹת רְצוֹנוֹ כְּפִי רְצוֹנֵנוּ, וְזֶה בְּחִינַת "יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו".

[ז] עיין בַּתורה בפנים אות א' באריכות.

# א גוטער 'עולם התוהו'...

**מען דארף זיך מיישב זיין, האבן א גוטן 'ישוב הדעת', דאס איז גאר עפעס אנדערש, דעמאלט איז מען ממש טאקע אין אַן אנדער מקום.**

**דער רבי רעדט דארטן ביי דער 'מַראה' פון חנוכה - ביי דעם 'אורח', אז ער איז געפלויגן אין די עולמות; ער איז געווען 'דארטן' - און צוריק 'דא'; וואו ער איז געווען מיטן געדאנק - דארט איז ער אליץ געווען; אט איז ער שוין 'דארטן' - אט איז ער שוין צוריק 'דא' - צוריק אין שטוב - און דערנאך צוריק 'אויבן'.**

**וואו דער מענטש איז מקשר דעם געדאנק - דארטן איז ער![ח]**

(ר' נחמן: וואס הייסט "אז ער איז געווען 'דא' איז ער געווען 'דארט' - און אז ער איז געווען 'דארט' איז ער געווען 'דא'"?) **אוואו מען קניפט צו דעם געדאנק - דארטן איז מען.**

**אז דער אויבערשטער העלפט אז מען לאזט אריין דעם צדיק צו זיך, מען לאזט אים אריין אין שטוב אריין, איז ער דארטן.**

(ר' נחמן: מען פלעגט זאגן א פירוש אויף דער מעשה?) **אפילו מען לערנט דאס פשוט איז אויך א געוואלדיגער** (ענין). **ווען מען לערנט עס, רעדט מען ארום אביסל.**

(דער רבי דערציילט א מעשה פון) **אַן 'אורח מיט א בעל־הבית'. דער אורח איז דער צדיק.**

(השואל: עס איז נישט געווען אין 'עולם התוהו'?) **ווער זאגט?! דאס הייסט 'עולם התוהו'?! דאס איז א גוטער 'עולם התוהו'... אז מען איז מיטן צדיק און דער צדיק נעמט אים אין די עולמות - דאס איז 'עולם התוהו'?!**

❖

---

[ח] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"א אות י"א, בסופו: עִקַּר הָאָדָם הוּא הַשֵּׂכֶל, וְעַל כֵּן **בְּמָקוֹם שֶׁחוֹשֵׁב הַשֵּׂכֶל, שָׁם כָּל הָאָדָם**, וּכְשֶׁיּוֹדֵעַ וּמַשִּׂיג בִּידִיעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא שָׁם מַמָּשׁ; מובא הרבה בספרי ה'תולדות' בשם הבעש"ט, עיין שם פר' חיי שרה אות ג', ועוד; מובא גם הרבה ב'דגל מחנה אפרים', עיין פר' וירא ד"ה 'והוא עומד עליהם'; גם עיין 'צדקת הצדיק' אות קמ"ד.

## ~ חיי מוהר"ן אות פ"ה - מעשה מאורח ~

תקס"ט. א' דַּחֲנֻכָּה אַחַר הַדְלָקַת נֵר חֲנֻכָּה בַּלַּיְלָה. אוֹרֵחַ נִכְנַס לְבַעַל־הַבַּיִת. וְשָׁאַל לְבַעַל־הַבַּיִת מֵאַיִן פַּרְנָסָתְךָ. וְהֵשִׁיב לוֹ אֵין לִי פַּרְנָסָה קְבוּעָה בְּבֵיתִי רַק מִחְיָתִי מִן הָעוֹלָם. וְשָׁאַל לוֹ מָה אַתָּה לוֹמֵד וְהֵשִׁיב לוֹ. וְהָיוּ מְשִׂיחִים יַחַד. עַד שֶׁנִּכְנְסוּ בְּתוֹךְ שִׂיחַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב, וְהִתְחִיל הַבַּעַל־הַבַּיִת לְהִשְׁתּוֹקֵק וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אֵיךְ מַשִּׂיגִים וּמַגִּיעִים לְאֵיזֶה דְּבַר מַעֲלָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. אָמַר לוֹ הָאוֹרֵחַ אֲנִי אֶלְמַד עִמְּךָ וְתָמַהּ הַבַּעַל־הַבַּיִת, וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אוּלַי אֵינוֹ בֶּן אָדָם כְּלָל. אַךְ חָזַר וְרָאָה שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִמּוֹ כְּדֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם. אַךְ תֵּכֶף נִתְחַזֵּק הָאֱמוּנָה אֶצְלוֹ לְהַאֲמִין בּוֹ. וְהִתְחִיל תֵּכֶף לְקָרְאוֹ רַבִּי, וְאָמַר לוֹ קֹדֶם כָּל אֲנִי מְבַקֵּשׁ לִלְמֹד מִכֶּם אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בִּכְבוֹדְכֶם וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר שֶׁאֶפְגֹּם מַמָּשׁ בִּכְבוֹדְכֶם חַס וְשָׁלוֹם, רַק אַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּן אָדָם קָשֶׁה לוֹ לְהִזָּהֵר לְגַמְרֵי כָּרָאוּי, עַל־כֵּן אֲנִי רוֹצֶה שֶׁתְּלַמְּדוּנִי אֵיךְ לִנְהֹג בִּכְבוֹדְכֶם. וְהֵשִׁיב לוֹ כָּעֵת אֵין לִי פְּנַאי, בְּעֵת אַחֵר אָבוֹא אֶצְלְךָ וַאֲלַמֶּדְךָ זֹאת, וְכָעֵת אֲנִי צָרִיךְ לֵילֵךְ מִכָּאן. וְאָמַר לוֹ גַּם עַל זֶה אֲנִי צָרִיךְ לִלְמֹד מִכֶּם כַּמָּה אֲנִי צָרִיךְ לְלַוּוֹת אֶתְכֶם, וְאָמַר לוֹ עַד אַחַר הַפֶּתַח וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב אֵיךְ אֵצֵא עִמּוֹ כִּי כָּעֵת אֲנִי עִמּוֹ בֵּין הַבְּרִיּוֹת וְאִם אֵצֵא עִמּוֹ לְבַדּוֹ מִי יוֹדֵעַ מִי הוּא וְשָׁאַל לוֹ וְאָמַר לוֹ יֵשׁ לִי פַּחַד לָצֵאת עִמָּכֶם הֵשִׁיב לוֹ אִם אֲנִי יָכוֹל כָּזֹאת לִלְמֹד עִמְּךָ. גַּם עַתָּה אִם אֶרְצֶה לַעֲשׂוֹת לְךָ אֵיזֶה דָּבָר מִי יִמְחֶה בְּיָדִי. וְיָצָא עִמּוֹ מִן הַפֶּתַח. וַאֲזַי תֵּכֶף חָטַף אוֹתוֹ וְהִתְחִיל לִפְרֹחַ עִמּוֹ, וְהָיָה קַר לוֹ וְלָקַח מַלְבּוּשׁ וְנָתַן לוֹ, וְאָמַר לוֹ קַח זֶה הַמַּלְבּוּשׁ וְיִיטַב לְךָ וְיִהְיֶה לְךָ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכָל טוּב וְתֵשֵׁב בְּבֵיתְךָ וּפָרַח עִמּוֹ. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ. וְלֹא הָיָה מַאֲמִין בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא בְּבֵיתוֹ, אַךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא מְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם, בְּתוֹךְ כָּךְ חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ כְּבַתְּחִלָּה, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא פּוֹרֵחַ, וְכֵן הָיָה מִתְנַהֵג זְמַן רַב.

אַחַר־כָּךְ הוֹרִיד אוֹתוֹ בֵּין שְׁנֵי הָרִים בְּגַיְא וּמָצָא שָׁם סֵפֶר וְהָיוּ בּוֹ צֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת אז"ח הוּא ד' וְכוּ" וְהָיָה מְצֻיָּר בְּהַסֵּפֶר כֵּלִים וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ אוֹתִיּוֹת. גַּם הָיָה בְּתוֹךְ הַכֵּלִים אוֹתִיּוֹת שֶׁל הַכֵּלִים שֶׁיְּכוֹלִין לַעֲשׂוֹת עַל יָדָם אֵלּוּ הַכֵּלִים וְהָיָה לוֹ חֵשֶׁק מְאֹד לִלְמֹד אֶת הַסֵּפֶר. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ, חָזַר וְהִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא שָׁם, וְהִתְיַשֵּׁב עַצְמוֹ לַעֲלוֹת אֶל הָהָר אוּלַי יִמְצָא שָׁם אֵיזֶה יִשּׁוּב. וּכְשֶׁבָּא אֶל הָהָר רָאָה עוֹמֵד שָׁם אִילָן שֶׁל זָהָב עִם עֲנָפִים שֶׁל זָהָב וְעַל הָעֲנָפִים תְּלוּיִים כֵּלִים כְּמוֹ אֵלּוּ הַכֵּלִים הַמְצֻיָּרִין בַּסֵּפֶר, וּבְתוֹךְ הַכֵּלִים הָיוּ כֵּלִים שֶׁעַל יָדָם עוֹשִׂים אֵלּוּ הַכֵּלִים. וְהָיָה חָפֵץ לָקַחַת מִשָּׁם הַכֵּלִים וְלֹא הָיָה יָכוֹל, מֵחֲמַת שֶׁהָיוּ נִסְבָּכִים שָׁם עַל הָעֲנָפִים שֶׁהָיוּ בַּעֲקַמִימִיּוֹת. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל וְהִנֵּה הוּא בְּבֵיתוֹ. וְהָיָה לוֹ פְּלִיאָה גְּדוֹלָה מַה זֹּאת שֶׁהוּא פַּעַם בְּכָאן וּפַעַם שָׁם. וְהָיָה חָפֵץ לְסַפֵּר זֹאת לִבְנֵי אָדָם אַךְ אֵיךְ מְסַפְּרִין פְּלִיאָה כָּזוֹ לִבְנֵי אָדָם מַה שֶּׁאֵין רָאוּי לְהַאֲמִין. בְּתוֹךְ כָּךְ הִסְתַּכֵּל מִן הַחַלּוֹן וְרָאָה אֶת הָאוֹרֵחַ הַנַּ"ל וְהִתְחִיל לְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ מְאֹד שֶׁיָּבוֹא אֶצְלוֹ, וְאָמַר לוֹ אֵין לִי פְּנַאי כִּי אֲנִי הוֹלֵךְ אֶצְלְךָ. אָמַר לוֹ זֶה בְּעַצְמוֹ נִפְלָאת בְּעֵינַי, הֲרֵי אֲנִי כָּאן וּמַה זֶּה שֶׁאַתֶּם הוֹלְכִים אֶצְלִי. הֵשִׁיב לוֹ בְּשָׁעָה שֶׁנִּתְרַצֵּיתָ לֵילֵךְ עִמִּי לְלַוּוֹת אוֹתִי מִן הַפֶּתַח אָז לָקַחְתִּי מִמְּךָ הַנְּשָׁמָה וְנָתַתִּי לָהּ לְבוּשׁ מִן הַגַּן־עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן וְהַנֶּפֶשׁ רוּחַ נִשְׁאַר אֶצְלְךָ. וְעַל־כֵּן כְּשֶׁאַתָּה מְדַבֵּק מַחֲשַׁבְתְּךָ לְשָׁם אַתָּה שָׁם וְאַתָּה מַמְשִׁיךְ הֶאָרָה מִמֶּנּוּ אֵלֶיךָ, וּכְשֶׁאַתָּה חוֹזֵר לְכָאן אַתָּה כָּאן.

וְאֵינִי יוֹדֵעַ מֵאֵיזֶה עוֹלָם הוּא, מֵעוֹלָם טוֹב הוּא בְּוַדַּאי, וַעֲדַיִן לֹא נִגְמַר וְלֹא נִסְתַּיֵּם.

# ביז נאך דער טיר

(חיי מוהר"ן אות פ"ה.) "תקס"ט. א' דחנוכה אחר הדלקת נר חנוכה" - האט דער רבי דאס דערציילט.

"אורח נכנס לבעל-הבית" - דער אורח איז אריין אין שטוב ביים בעל-בית. פרעגט אים דער בעל-הבית: "פון וואנעט איז דיין פרנסה?" האט ער אים געענטפערט: "איך האב נישט קיין פרנסה קבועה, מיין מחיָה איז פון די וועלט". האט דער אורח געפרעגט דעם בעל-הבית: "וואס לערנסטו?" האט ער אים געענטפערט. האבן זיי גערעדט צוזאמען, ביז זיי זענען אריינגעגאנגען 'בתוך שיחת דברים היוצאים מן הלב'.

האט אנגעהויבן דער בעל-הבית משתוקק צו זיין און צו בענקען זייער - 'ווי איז מען משיג עפעס א דבַר מעלה שבקדושה?!'.

זעהט מען דאך שוין ווער דער אורח איז געוועזן... אז דער אורח האט גערעדט מיט אים דיבורים - האט דער בעל-הבית אנגעהויבן צו בענקען און צו משתוקק זיין 'ווי איז מען משיג עפעס א 'מעלה דקדושה'' - אזעלכע רייד האט מען גערעדט! ער האט אנגעהויבן צו בענקען - 'להשתוקק ולהתגעגע מאוד, אֵיך משיגים ומגיעים לאיזה דבר מעלה שבקדושה?!'.

אזוי ווי ער האט זיך נאר פארבענקט - זאגט אים דער אורח: "איך וועל מיט דיר לערנען!".

דאס איז אלץ רמזים, אז מען איז מיטן צדיק און מען רעדט אמאל 'דיבורים היוצאים מן הלב' - באקומט מען א בענקאכטס, און ווען מען בענקט - זאגט דער צדיק, "איך וועל מיט דיר לערנען!" ער באקומט פון דעם צדיק התחזקות - "איך וועל מיט דיר לערנען!".

האט זיך דער בעל-הבית פארוואונדערט, ער האט נאר געטראכט, ער האט נאר געבענקט 'ווי איז מען זוכה צו א מעלה שבקדושה', רופט זיך שוין אָן דער אורח - "איך וועל מיט דיר לערנען"... ער האט זיך אנגעהויבן פארוואונדערן, ער האט אנגעהויבן טראכטן - 'אפשר איז ער גארנישט קיין מענטש'... ער זעהט דאך אבער אז ער רעדט

מיט אים 'כדרך בני אדם'. אבער תיכף איז געווארן נתחזק די אמונה אין אים ער זאל גלויבן אין אים, און ער האט אים תיכף אנגעהויבן צו רופן "רבי".

זאגט דער בעל־הבית צום אורח: "קודם־כל בעט איך פון אייך איר זאלט מיר לערנען ווי אזוי איך זאל זיך פירן אין אפהיטן אייער כבוד, 'ואין צריך לומר' אז איך זאל נאך פוגם זיין אין אייער כבוד ח"ו - דאס אוודאי נישט, 'רק אף־על־פי־כן', א מענטש איז דאך 'קשה לו להיזהר לגמרי כראוי', וויל איך איר זאלט מיר לערנען ווי אזוי זאל איך זיך פירן מיט אייער כבוד.

האט ער אים געענטפערט: "איצטער האב איך נישט קיין צייט, איצטער דארף איך אוועקגיין פון דאנעט!".

ווייזט אויס, עס איז פארהאן אמאל וואס מען האט עפעס א שטיקעלע התקרבות צום צדיק, און ער וויל 'שוין', און דער צדיק זאגט - 'איצטער נישט - שפעטער, עס וועט זיין א צייט דערויף!'.

דער מענטש ווערט נתעורר אויף א זאך, און דער צדיק ענטפערט אים - "ווארט צו, איצטער האב איך נאכנישט קיין צייט!". ווארום ווען א מענטש זאל האבן די זאך אז 'ווען' ער בעט - 'מוז' ער 'שוין' געהאלפן ווערן, איז עס אַן ענין פון "המעיין בתפילתו"; "עיון תפילה מזכירין עוונותיו של אדם"[ט].

אז דער מענטש בעט א זאך, דארף אים איבערבלייבן נאכן בעטן א תשוקה אויף דער זאך - 'ער בעט - און ער האט נאכנישט וואס ער וויל!'. נאכן בעטן דארף ער האבן א בענקאכטס צו דער זאך - 'איי, ווי קומט מען צו דער זאך? ווי קומט מען צו דעם?'.

האט ער אים געזאגט: "איצטער האב איך נישט קיין צייט; אַן אנדערע צייט וועל איך קומען צו דיר און דיר לערנען!". גיט ער אים שוין א התחזקות אז ער וועט קומען נאכאמאל! ער זאגט אים שוין - 'איך וועל קומען נאכאמאל צו דיר!'.

---

[ט] גמ' ברכות דף נה. [עיין 'ליקוטי הלכות' הל' מתנה ה"ה אות מ"ו].

זאגט אים דער בעל-הבית, אויף דערויף דארף איך זיך אויך לערנען פון אייך וויפיל זאל איך אייך באגלייטן - א מצוה פון 'מלַווה' זיין, 'א חשוב'ער אורח', 'וויפיל זאל איך אייך באגלייטן?'. זאגט ער אים: "ביז נאך דער טיר!".

פלעגן אונזערע לייט מדייק זיין, דאס הייסט - 'מסירות נפש'! איך גיי ארויס פון שטוב, איך באגלייט דעם צדיק נאך דער טיר! נישט נאר אין שטוב, נאר איך גיי ארויס פון דער טיר אויך, דאס הייסט - 'מסירות נפש'. די שטוב, די טיר, דאס איז דער צמצום, די גשמיות, דער גוף אין וואס ער איז מלובש. 'נאך דער טיר', הייסט שוין 'מסירות נפש'; 'דו דארפסט מיר באגלייטן ביז נאך דער טיר'.

אז איך באגלייט אים ביז צום טיר, איך גיי נישט ארויס, בין איך נאך ביי זיך אין שטוב, דאס איז נאכנישט קיין 'מסירות נפש', אבער אז איך באגלייט אים ארויס פון דער טיר - נאך דער טיר דאס איז 'מסירות נפש'! 'אחר הפתח'!

(ר' נחמן: עס איז דא א ווארט פון רבי'ן; דער רבי האט געזאגט: "תיכף ווען ער גייט ארויס פון דער קלאמקע פון מיין טיר, בין איך אים שוין מייאש!" ער שטייט שוין די אנדערע זייט טיר.) יא, דארף מען זיך האלטן ביים רבי'ן!

האט ער אנגעהויבן צו טראכטן, 'ווי אזוי וועל איך ארויסגיין מיט אים?' - ער האט מורא, כאטש ער זעהט דאך שוין ווער דער אורח איז, נאר ארויסגיין פון שטוב מיט אים האט ער מורא, 'ארויסגיין מיט אים' דאס איז א מין מסירות נפש, אינגאנצן אוועקגיין פון דער וועלט, אינגאנצן אוועקגיין פון דעם גוף, אוועק אינגאנצן פון די גשמיות, 'ווי קען איך ארויסגיין מיט אים פון שטוב?! איצטער בין איך מיט אים צווישן מענטשן, אבער אז איך וועל ארויסגיין מיט אים אליין - ווער ווייסט ווער ער איז?'...

האט ער אים געזאגט: "איך האב פחד ארויסצוגיין מיט אייך". ענטפערט ער אים: "אויב איך קען דאס לערנען מיט דיר, איז אפילו איצטער אויך אז איך וועל דיר וועלן טוהן עפעס א זאך - ווער וועט מיר ווערן (- אפהאלטן)?!". אויב דו האסט מורא מיט מיר ארויסצוגיין פון שטוב ווייל דו ווייסט נישט וואס איך קען טוהן מיט דיר, קען איך דא אין שטוב אויך טוהן מיט דיר, ווער וועט מיר מוחה זיין?!

---

י מובא בשיש"ק (חדש) ח"א אות קנ"ז.

א מענטש האט מורא צו טוהן עפעס אַן עובדא, איבערהאקן דעם שלאף צו-וואס דארטן, ער האט מורא עס איז עפעס צו(פיל); און בשעת דו ליגסט אויפן געלעגער האסטו נישט קיין מורא פאר מיר?! קען איך נישט טוהן מיט דיר וואס איך קען?!

איז ער ארויסגעגאנגען מיט אים פון טיר. תיכף האט ער אים געגעבן א כאפ, און ער האט אנגעהויבן פליען מיט אים.

איז אים געווען קאלט.

ווארום דער צדיק האט אים געגעבן א הויב אויף אין דער לופט, צו אזעלכע השגות אלקות וואס איז נישט געווען זיין השגה, איז אים געווארן קאלט, עס האט אים נישט געווארעמט, ווייל ער איז נישט געווען (ביי דער מדריגה).

דער צדיק קען אבער אמאל יענעם געבן א מלבוש וואס דאס ווארעמט יענעם[יא], האט ער אים געגעבן א מלבוש - "נעם דיר דעם דאזיגן מלבוש, וועט דיר זיין גוט" - אין דעם מלבוש וועט דיר גוט זיין, "דו וועסט האבן 'אכילה ושתיה וכל טוב' און דו וועסט זיצן ביי דיר אין שטוב!".

און ער איז ווייטער מיט אים געפליגן. בתוך־כך גיט ער א קוק - ער איז ווידער ביי זיך אין שטוב. האט ער גאר נישט געגלויבט אין זיך אז ער איז ביי זיך אין שטוב. האט ער געקוקט, ער איז דאך פארט אין שטוב, ער רעדט דאך מיט מענטשן, ער עסט און טרינקט 'כדרך העולם'. בתוך־כך גיט ער א קוק - ער פליהט ווייטער אין דער אַויר, גיט ער ווידער א קוק - ער איז ווידער 'בביתו', און ער איז ווידער 'פורח', אזוי האט זיך מתנהג געווען א זמן רב.

אחר־כך האט ער אים אראפגעלאזט צווישן צוויי בערג, אין א טאל, און ער האט דארט געפונען א ספר. איז געווען דארטן צירופי אותיות: "א' ז' ח' הוא ד'".

טאקע אין דער תורה פון "ימי חנוכה"[יב] רעדט דארט דער רבי פון די 'פיר חלקי הדיבור', און די 'דריי שמות', דאס איז דער ז'. און דער א' דאס איז דער 'אור האמת',

---

[יא] עיין שיחות הר"ן אות כ"ג; חיי מוהר"ן אות ק"ב.

[יב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ב' אות ד'.

צוזאמען איז עס ח'. א' ז' ח'. דער 'אור האמת', און די דריי שמות א"ל אלקי"ם הוי"ה, און די 'ארבעה חלקי הדיבור', צוזאמען איז עס ח'[יג].

און דארט אין דעם ספר איז געווען מצוייר כלים וואס אין די כלים איז געווען אותיות. אויך איז געווען אין די כלים די אותיות פון די כלים וואס מען קען מאכן דורך זיי אט די כלים. האט ער געהאט זייער חשק צו לערנען דעם ספר. בתוך־כך גיט ער א קוק - ער איז צוריק ביי זיך אין שטוב, און ווידער א קוק - איז ער צוריק דארטן.

האט ער זיך מיישב געווען ער וועט ארויפגיין אויף דעם בארג טאמער וועט ער געפונען דארט עפעס א ישוב. אז ער איז געקומען אויפן בארג, האט ער דארטן געזעהן עס שטייט דארטן אַן 'אִילָן שֶׁל זהב' - א בוים פון גאלד, מיט צווייגן פון גאלד, און אויף די צווייגן איז געווען אנגעהאנגען כלים אזוי ווי די כלים וואס עס איז געווען אויסגעמאָלט אין דעם ספר, און אין די כלים איז געווען כלים וואס דורך זיי מאכט מען אט די כלים.

האט ער געוואלט נעמען דארטן פון די כלים, האט ער נישט געקענט, ווייל זענען געווען פארטשעפעט אין די צווייגן און ער האט נישט געקענט אפרייסן די כלים פון די צווייגן וואס זענען געווען בעקמימיות אזוי פארקניפט און פארטשעפעט, האט ער נישט געקענט ארויסנעמען די כלים פון דארטן. בתוך־כך גיט ער א קוק - ער איז ווידער ביי זיך אין שטוב.

---

[יג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' כלאי בהמה ה"ד אות י"ב: וְזֶהוּ: **'תֵּן חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה כִּי לֹא תֵדַע מַה יְהִי רָעָה עַל הָאָרֶץ'**. הַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ שִׁבְעָה תִּקּוּנִים הַנַּ"ל שֶׁהֵם **שְׁלֹשָׁה קַוֵּי הָאֱמֶת** שֶׁמְּאִירִין **בְּאַרְבָּעַת חֶלְקֵי הַדִּבּוּר** שֶׁהֵם בְּחִינַת שִׁבְעָה קְנֵי הַמְּנוֹרָה שִׁבְעַת יְמֵי הַשַּׁבָּת. **שֶׁכָּל אֵלּוּ הַשִּׁבְעָה בְּחִינוֹת מְאִירִין בַּחֲנֻכָּה**, הַיְנוּ כִּי עַל יְדֵי אֵלּוּ שֶׁבַע בְּחִינוֹת מַמְשִׁיכִין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִימֵי הַחֹל שֶׁזֶּה עִקָּר בְּחִינַת חֲנֻכָּה. וְזֶהוּ **וְגַם לִשְׁמוֹנָה**, בְּחִינַת **שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה** וְכַנַּ"ל. וְזֶהוּ, כִּי לֹא תֵדַע מַה יִּהְיֶה רָעָה עַל הָאָרֶץ, הַיְנוּ שֶׁהַגָּלוּת מִתְאָרֵךְ מְאֹד וּמִי יוֹדֵעַ מַה יֵּלֶד יוֹם, עַל כֵּן אָנוּ צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמֵנוּ בְּכָל פַּעַם בְּחִינַת הֶאָרַת יְמֵי חֲנֻכָּה שֶׁהוּא בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה כַּנַּ"ל לִהְיוֹת מוֹדֶה עַל הֶעָבָר גַּם בְּעֵת הַצָּרָה חַס וְשָׁלוֹם גַּם בְּעֵת שֶׁאֵין זוֹכִין לַעֲבוֹדַת ה' כָּרָאוּי אֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא וְכַנַּ"ל, כִּי דַּיְקָא עַל יְדֵי זֶה עִקַּר קִיּוּם יִשְׂרָאֵל בַּגָּלוּת בִּכְלָל וּבִפְרָטִיּוּת כָּל אֶחָד וְאֶחָד. וְעַתָּה מְקֻשָּׁר הַפָּסוּק מְאֹד, תֵּן חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר הַקִּיּוּם בְּכָל הָרָעוֹת וְהַצָּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, כִּי לֹא תֵדַע מַה יִּהְיֶה רָעָה עַל הָאָרֶץ אוּלַי יַעֲבֹר עָלֶיךָ מַה שֶּׁיַּעֲבֹר חַס וְשָׁלוֹם שֶׁיִּדְמֶה לְךָ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם בְּזֶה כְּלָל, אֲבָל עַל יְדֵי בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת תּוֹדָה וְהוֹדָאָה שֶׁתִּזְכֹּר בְּכָל פַּעַם חַסְדֵי ה' וְנִפְלְאוֹתָיו עָלֶיךָ כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה תִּתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם בִּבְחִינַת מוֹדֶה עַל הֶעָבָר וְצוֹעֵק לֶעָתִיד לָבֹא, וְעַל יְדֵי זֶה תִּזְכֶּה לִישׁוּעוֹת נִפְלָאוֹת בְּכָל פַּעַם עַד שֶׁתִּזְכֶּה לִגְאֻלָּה שְׁלֵמָה מְהֵרָה, אָמֵן וְאָמֵן.

'והיה לו פליאה גדולה', וואס איז דאס? 'פעַם' איז ער דא - און 'פעַם' איז ער דארטן. האט ער געוואלט דאס דערציילן פאר מענטשן, נאר ווי דערציילט מען אזא זאך פאר מענטשן וואס עס איז גארנישט ראוי צו גלויבן?!

בתוך־כך גיט ער א קוק דורכן פענסטער, זעהט ער דעם אורח. האט ער אנגעהויבן זייער צו בעטן דעם אורח ער זאל קומען צו אים. זאגט ער אים: "איך האב נישט קיין צייט, ווייל איך גיי צו דיר!"...

איז דאס אליין געווען ביי אים א פלא - 'איך בין דאך דא - וואס הייסט ער גייט צו מיר?!'.

האט ער געענטפערט אזוי: "בשעת דו ביסט מרוצה געווארן דו זאלסט גיין מיט מיר, דו זאלסט מיר באגלייטן פון דער טיר, האב איך גענומען פון דיר די נשמה און איך האב דיר געגעבן א לבוש פון 'גן־עדן התחתון', און דער 'נפש' 'רוח' איז געבליבן ביי דיר; ממילא, אז דו ביסט מדַבק דיין מחשבה 'לשָם' - ביסטו דארטן און דו ביסט ממשיך א הארה פון מיר צו דיר, און אז דו קערסט דיך אום דא - ביסטו צוריק דא!".

(וסיים רבינו:) "און איך ווייס נישט פון וואספארא עולם דאס איז געווען; אַן 'עולם-טוב' איז דאס אוודאי געווען!".

און דער רבי האט נישט געענדיגט דער זאך, "ועדיין לא נגמר ולא נסתיים" - די זאך איז נאכנישט געענדיגט!

'פון א גוטן עולם איז דאס געווען די מראה'...

## מיט טרערן אויסגעוואשן

דער רבי זאגט אין דער מעשה פון דעם "בערגער"[יד], דער בערגער האט געהערט דעם ארעמאן וויינט און קלאפט זיך קאפ אין וואנט. איז ער אריינגעגאנגען צו אים:

[יד] מעשה י"ב מספה"ק סיפורי מעשיות.

"וואס וויינסטו?" זאגט ער: "פארוואס זאל איך נישט וויינען? דער האט געלט, און דער האט קינדער; טאמער האב איך שוין געהאט א ווייב, האט מען מיר דאס אויך צוגענומען, פארוואס זאל איך נישט וויינען?!" האט זיך ביי דעם בערגער אנגענומען זייער דאס רחמנות, האט ער געטוהן א ווילדע זאך, אריין צום גענעראל אין שטוב אריין און ער האט איר אים אפגעבראכט.

עס איז ביי יעדן איינעם אזוי; אז דער צדיק גייט דורך און ער זעהט ווי דער זיצט אין שטוב און ער וויינט זיך אויס גוט פארן אויבערשטן, גייט ער אריין צו אים אין שטוב אריין - "וואס וויינסטו? וואס וויינסטו?".

זאגט ער אים פארוואס ער וויינט - "די 'אשה יראת ה'" פעלט מיר, די 'אשה יראת ה'" האט מען מיר צוגענומען און ארויסגעכאפט!". האט ער מסירות נפש פאר אים, ער טוהט א ווילדע זאך, ער גייט אריין צום גענעראל אין שטוב אריין, דאס איז דער 'אבי אבות הטומאה', און נעמט ארויס פון דארטן און ברענגט אים אפ.

אבער ווען טוהט ער דאס? אז ער זעהט אז ער האקט זיך קאפ אין וואנט, ער וויינט גוט פארן אויבערשטן, דעמאלט גייט ער אריין צו אים אין שטוב.

(ר' נחמן: ר' מענדעלע ליטוואק האט דאס געזאגט אזוי -) יא יא, ער האט ל"ע קיין קינדער נישט געהאט, האט ער גע'טענה'ט צום אויבערשטן [- מען האט צוגעהערט זיין התבודדות אין קלויז] - האט ער אזוי גע'טענה'ט צום אויבערשטן - "דער האט געלט, דער האט קינדער, איך האב נישט נאר איין 'אשה יראת ה'", קומט דער רוצח דער גענעראל - און נעמט זי ביי מיר צו, ער כאפט זי ביי מיר אויס!" - ער האט געהאט התבודדות, האט ער אזוי גערעדט צום אויבערשטן.

דער תענוג וואס דער אויבערשטער האט אז א מענטש רעדט אזעלכע דיבורים צום אויבערשטן - - דער נחת־רוח וואס דער אויבערשטער האט - - [טו]

אמאל איז געווען קרבנות, א ריח ניחוח לה', איצטער איז דאס דער קרבן; דער אויבערשטער האט א געוואלדיגן נחת־רוח אז מען רעדט זיך אויס פאר אים - 'אוי געוואלד, דער גענעראל כאפט אויס ביי מיר דער 'אשה יראת ה'!'.

---

[טו] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה אות מ"ג בגודל מעלת יקרת ה'תפילה לעני'.

אוי וואס אמאל איז געוועזן... אונזערע לייט פלעגן אסאך וויינען, אסאך טרערן פארגאסן, מען האט פארגאסן אסאך טרערן. ווער שמועסט - ביינאכט, ביינאכט איז געוועזן שטארק, "רחל מבכה על בניה", מען האט אסאך טרערן פארגאסן פארן אויבערשטן, ס'איז געוועזן ממש - - טרערן פארגאסן פארן אויבערשטן, אויסגעוואשן די אויגן מיט טרערן.

אין א הלכה רעדט רבי נתן וועגן אויסוואשן די אויגן מיט טרערן[טז]; ווייל לכאורה, דא קומט דאך אויס ( - בַּתורה 'בראשית - לעיני כל ישראל'[יז]) אז פון טרערן ווערט קאליע די אויגן; אבער דאס איז דער תיקון היינט - דייקא אויסוואשן די אויגן מיט טרערן.

(ר' נחמן: "כמה מרחקינן ממיא") יא, "שפכי כמים לבך"![יח].

## קומי רוני בלילה

ער פלעגט דאך זאגן רבי אברהם ר' נחמן'ס אז עס איז דא צוועלף שערים, און א דרייצנטער שער. די צוועלף שערים דאס איז דער ענין פון 'תפילה', און דער שער הי"ג איז די זאך פון 'חצות' וואס דאס איז תמיד 'נוכח פני ה''[יט].

די צוועלף שערים, אמאל זענען זיי פארשלאסן, און אמאל זענען זיי אפן; דארף מען האבן א זכיה מען זאל צוטרעפן צו דעם שער; אבער דער שער הי"ג דאס איז 'נוכח פני ה'', "קומי רוני בלילה וכו' שפכי כמים לבך - נוכח פני ה'"! אט דאס איז תמיד 'נוכח פני ה''! דער 'שער' איז תמיד אָפן!

אט דער 'שער' איז תמיד אפן!

נו, אזעלכע דיבורים! א שער וואס ער איז תמיד אפן! "קומי רוני בלילה" - שטיי אויף ביינאכט!

---

[טז] עיין הל' ערב ה"ג אותיות כ'-כ"ט; הל' שלוחין ה"ג אותיות ט"ז-י"ז.

[יז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז; מובא גם בליקו"מ בח"א סי' נ"א, וסי' ר"נ.

[יח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט' אות ד'.

[יט] עיין ביאור הליקוטים על תורה זו שם.

מען האט דערציילט רבי נתן'ען נאך איידער ער איז געווארן מקורב, די עבודה פון דעם רבי'ן ר' זושא, אז ווען עס קומט דארטן די צייט פון חצות גיט ער זיך א ווארף אראפ - "**זושא, זושא, זושא, זושא!**" ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו זיך אליין - "**דער בית המקדש איז חרוב און דו ליגסט אזוי?!** - ווארף זיך אראפ!".

אט דאס האט ער נישט געזעהן; ער האט דאך געזעהן ביי זיין שווער צִדְקוּת - דאס האט ער אבער נישט געזעהן, אז עס קומט די צייט, האבן אזא מין סארט פחד פארן אויבערשטן, אראפווארפן זיך פונעם געלעגער[כ].

אזא מין עת־רצון, יעדער דארף דאך האבן עפעס אַן עת־רצון - אט דאס איז דער עת־רצון.

א לשון אין זוהר איז דא[כא]: זינט דער בית־המקדש איז חרוב האט נישט דער אויבערשטער קיין שום נחמה, ער קען זיך נישט לאזן טרייסטן, נאר אז אידן שטייען אויף חצות - דאס איז זיין נחמה, פון דעם ווערט דער אויבערשטער געטרייסט.

דער רבי ברענגט טאקע אין דער תורה[כב], דער אויבערשטער האט מבטיח געווען צו געבן די 'אבלי ציון' - 'פְּאֵר תחת אֵפֶר'. ווער זענען די 'אבלי ציון'? אידן וואס שטייען אויף חצות - די זענען די 'אבלי ציון'; וועט ער זיי געבן 'פאר תחת אפר'. דאס איז די אייגענע אותיות - פְּאֵ"ר-אֵפֶ"ר. "אֵפר" איז 'חורבן בית־המקדש', 'מאורי אש', און "פְּאֵר" דאס איז 'מאורי אור', דאס איז דער 'צדיק', "פְּאֵר". דער אויבערשטער האט מבטיח געווען ער זאל געבן די 'אבלי ציון' - 'פאר תחת אפר'.

---

[כ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות כ"ח, ומסיים שם שזה היה הצעד הראשון שלו להתקרב לדרך החסידות.

[כא] עיין זוהר פר' ויחי דף רל"א ע"א; פר' ויקהל דף קצ"ו ע"א.

[כב] ליקוטי מוהר"ן תניינא ס"ז הנ"ל, וזל"ש: עַל כֵּן צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לָקוּם בַּחֲצוֹת, וְלִהְיוֹת מִתְאַבֵּל מְאֹד עַל חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, **וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִבְטִיחַ לְכָל הַמִּתְאַבֵּל עַל צִיּוֹן לָשׂוּם לַאֲבֵלֵי צִיּוֹן "פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר"** (יְשַׁעְיָה ס"א). 'פְּאֵר תַּחַת אֵפֶר' דַּיְקָא. 'פְּאֵר' זֶה בְּחִינַת הַמֹּחִין, בְּחִינַת תְּפִלִּין, בְּחִינַת רֹאשׁ בַּיִת, בְּחִינַת כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין, בְּחִינַת תְּלָת גְּוָנִין דְּעֵינָא וּבַת עַיִן, בְּחִינַת מְאוֹרֵי אוֹר, בְּחִינַת שַׁבָּת הַמֵּאִיר לְבֵית הַמִּקְדָּשׁ כַּנַּ"ל. 'תַּחַת אֵפֶר' 'אֵפֶר' זֶה בְּחִינַת מְאוֹרֵי אֵשׁ, (שֶׁהוּא הַהֵפֶךְ מֵהַנַּ"ל), הַיְנוּ שֶׁיִּהְיוּ נִכְנָעִין מְאוֹרֵי אֵשׁ, שֶׁעַל יָדָם נִשְׂרַף הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וְיִתְגַּבְּרוּ מְאוֹרֵי אוֹר, שֶׁהֵם קִיּוּם הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ '**פְּאֵר** תַּחַת **אֵפֶר**'.

טאקע די אלע כ"ד שעות דאס איז די כ"ד בתי דינים[כג]; האט דער אויבערשטער געמאכט יעדן טאג 'צוויי שעה' וואס דאס איז דער פדיון, דער פדיון אויף צו ממתיק זיין די דינים.

דער רבי זאגט אזוי[כד]: "חצות מסוגל כמו פדיון". אט די צייט איז אזוי ווי א 'פדיון'; אז מען שטייט אויף - מאכט מען א פדיון. עס גייט דאך א טאג, א טאג פון דינים, ווער ווייסט וואספארא דינים עס איז דא?! דארף מען ארויסכאפן דעם פדיון.

עס איז פאר זיך גוט, און דער אויבערשטער האט א גרויסן נחת־רוח דערפון, און דער גאנצער וועלט טוהט מען א טובה מיט דעם, די דינים פון דער וועלט ווערן נמתק אלץ דורך די דאזיגע אידן וואס זיי שטייען אויף חצות אין דער צייט פון דעם עת־רצון.

דער זוהר הקדוש ברענגט[כה]: "חברים" מיינט מען די 'צדיקים שבגן עדן', "מקשיבים לקולך", "השמיעיני" - מאך מיר הערן; די 'צדיקים שבגן עדן' זאגן צו אונז - "השמיעיני" - מאך מיר הערן עפעס, זאג עפעס, לערן און דאווען - 'השמיעיני'! די 'צדיקים שבגן עדן' ווילן הערן די קולות פון דער צייט.

לאמיר דעם אויבערשטן צוליב טוהן, דער אויבערשטער האט אזא נחת־רוח דערפון, לאמיר אים צוליב טוהן, לאמיר אים טוהן דעם נחת־רוח. אז מען טוהט דעם אויבערשטן א נחת־רוח צאָלט ער אפ. מיר דארפן נישט טראכטן פארן אפצאל, דאס ווערט שוין ממילא אזוי, לאמיר אים נאר טוהן דעם נחת־רוח, דעם 'ריח ניחוח לה'".

## גיי ארויס פון דיין שטוב

דאס איז אויך אַן ענין פון ארויסבאגלייטן 'נאך דער טיר'; דער ענין פון א 'טיר' איז א 'צמצום' אויף יעדער גשמיות'דיגער זאך.

---

[כג] [עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה אותיות נ"ט, ס"ו].

[כד] ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט.

[כה] פר' פינחס דף רי"ב ע"ב.

אז א מענטש ליגט אויפן געלעגער - דאס איז זיין 'בית'; אז ער ליגט איינגעלייגט גוט - און ער גיט זיך א ווארף אראפ פונעם געלעגער - אט דאס הייסט, ער גייט ארויס 'חוץ לפתח'; "באגלייט מיך נאך דער טיר!". נאכדעם וועט ער מיט דיר לערנען, ער וועט טוהן, ער וועט דיר אויפהויבן, דו וועסט פליען אין די עולמות, 'באגלייט מיך נאר נאך דער טיר'.

יעדע זאך וואס איז מלובש אין א 'גשמיות' און איך וויל זיך פון דער זאך מונע זיין, איז א בחינה אז 'איך גיי ארויס פון דער טיר', 'איך גיי ארויס פון שטוב'.

אז א מענטש האט א השתוקקות צו רעדן דארטן 'דברים בטלים', ער האט אפילו א פארגעניגן פון דעם, ס'רעדט זיך, דאס איז ביי אים די 'שטוב' זיינע, איז דאס ביי אים ממש מסירות נפש ער זאל דאס אויפהערן.

עס איז געווען די מעשה פון "ר' יוסף שותק". ער פלעגט זאגן ווערטלעך; אז ער האט אויפגעהערט צו רעדן, האט ער אנגעהויבן טריקענען; ער איז געווען אזוי אויסגעטריקנט, אז ווען איינער האט אים געזעהן אין מרחץ האט מען ארויסגעזעהן אלע 'איברים הפנימים', 'הויט' געווען, ער האט נישט געהאט קיין פלייש, מען האט געזעהן ווי די לונג הענגט... ער איז געווארן 'הויט און ביין'; דאס איז געווארן דערפון וואס ער פלעגט אויפהערן זאגן 'ווערטלעך'[כו].

זעהען מיר דאך, עס איז פארהאן אמאל, א מענטש האט א השתוקקות צו דער זאך - און ער טוהט עס נישט, איז דאס א געוואלדיגער מסירות נפש - אט דאס איז אויך א בחינה אז 'ער גייט ארויס פון שטוב'.

יעדער איינער האט זיך זיין שטוב, זיינע גבולים, זיינע גשמיות'ן, וואס דאס איז זיין שטוב, וואס אז ער גייט ארויס פון דער זאך, הייסט עס 'ער גייט ארויס פון שטוב'.

צו באגלייטן דעם 'אורח' איז כדאי ארויסצוגיין; דעמאלט ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון שטוב האט ער דאך אים געהויבן אין דער לופטן, ער האט אים געוויזן אלע השגות.

---

[כו] עיין תוכן הסיפור ב'טעם זקנים' קונטרס ט"ו, וקי"ג.

טאקע אז עס מאכט זיך יענעם צו באגלייטן, דארף מען ארויסגיין פון שטוב[כז]. אזוי, אַן אורח, א גאסט, דארף מען באגלייטן אים - ארויסגיין פון שטוב. דאס זעהט מען אלץ פון 'דעם אורח'.

(ר' נחמן: דער נעשכיזער האט דאך באגלייט דעם רבי'ן!) **יא, אויך ארויסגעגאנגען פון שטוב.** (ואמר:) **"איך זאל מער נישט געווען קומען** (אויף דער וועלט) **נאר אז רבי נחמן זאל ביי מיר איבערטרעטן מיין שוועל - איז אויך גענוג!"**[כח].

מלווה זיין א מענטשן איז טאקע נאר ארויסגיין פון שטוב; אז נישט, הייסט גארנישט באגלייט.

**ווי אזוי שטייט דארטן** (- ביי רבי מרדכילע נעשכיזער)**?** (ר' נחמן: "ובעוצם חלישותו הנ"ל ליוה את רבינו ז"ל בעת שיצא מביתו לנסוע לדרכו. אחר כך כשחזר הרב הנ"ל מהלויה שליווה את רבינו ז"ל, ענה ואמר בזה הלשון: אלמלא לא אתינא לעלמא אלא שרבי נחמן יפסיע על מפתן שלי - דיי!" - עס שטייט נישט וויפיל ער האט אים מלַווה געווען) **אוודאי איז ער ארויסגעגאנגען פון שטוב!**

יעדער מסירות נפש וואס מען טוהט עפעס פארן אויבערשטנ'ס וועגן, הייסט עס 'איך גיי ארויס פון שטוב'.

❖

## דער סוד פון חנוכה

אונזערע לייט פלעגן לייענען דער (מראה) דארטן 'זאת חנוכה' - נאך די חנוכה ליכט, די לעצטע נאכט.

פלעגט מען זאגן טאקע, "א' ז' ח'"; רבי נתן רעדט ארום אין א הלכה[כט], די אכט הזאות וואס איז געווען אין בית המקדש "אחת למעלה ושבע למטה וכו' אחת ושבע",

---

[כז] עיין סמ"ע על חו"מ סי' תכ"ז סעי"ק י"א: "ויש לילך עמו או עם חבירו עד השער או לכל הפחות ד' אמות".

[כח] מובא בחיי מוהר"ן אות קי"ג.

[כט] עיין ליקוטי הלכות הל' חנוכה ה"ג אות ג': וְזֶה בְּחִינַת הַהַזָּאוֹת שֶׁל הַכֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים לִפְנַי וְלִפְנִים וּבַהֵיכָל, שֶׁהָיוּ אַחַת לְמַעְלָה וְשֶׁבַע לְמַטָּה, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר אוֹר הָאַהֲבָה שֶׁבַּדַּעַת, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַחַת

אלעמאל דערמאנט מען דעם 'אחתׂ' - "אחת ואחת, אחת ושתים, אחת ושבע", אט דאס איז דער א'-ז'. די גמרא זאגט טאקע[ל], זאל ער מאכן אכט הזאות? ניין, עס איז א מצוה מסיים צו זיין ביי 'שבע', צוזאמען איז טאקע דא אכט, א'-ז'. [דער ז' איז דאך ז' ימי הבנין, און דער א' איז שוין דער אור ה'ח'].

ביי א ברית פלעגט מען אויך רעדן אמאל דעם שמועס, אז דער 'יום השמיני' איז מחַיה די אלע זיבן טעג. טאקע אין מדרש שטייט[לא]: "אז ישיר משה", א"ז איז דאך די 'שמונה ימי מילה', שטייט אויך א"ז.

(השואל: מען פלעגט חנוכה נאך ליכט צינדן לערנען דער מעשה?) **זאת־חנוכה. מען פלעגט זיך צונויפקומען ביי דער נאכט נאך ליכט-צינדן, פארברענגען אביסל, נישט לאנג, מען האט פארברענגט, געזעצן אביסל צוזאמען.**

דארטן איז דאך געווען אַן ארעמקייט; דא אז מען פארברענגט, איז דא מיט וואס צו פארברענגען, מען גרייט צו אסאך מזונות, מען גרייט צו אסאך טרינקען; דארטן איז גארנישט געווען, ממילא איז עס נישט געווען קיין סאך צייט.

(השואל: מען פלעגט רעדן פון יום כיפור?) **מען האט גערעדט גוטע דיבורים.**

(השואל: דער רבי זאגט דאך, עס האט א שייכות 'חנוכה' מיט 'יום כיפור') **אוודאי, מען האט דאך איצטער גערעדט אז די אכט הזאות איז קעגן די אכט.**

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה "כי מרחמם ינהגם"[לב], 'וועדליג מען איז זוכה צו

---

לְמַעְלָה, בַּשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, שֶׁהֵם בְּחִינַת שֶׁבַע מִדּוֹת שִׁבְעָה יָמִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַהֲבָה שֶׁבַּמִּדּוֹת וּזְמַן, **כִּי שָׁמַעְתִּי שֶׁשְּׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם כְּנֶגֶד שְׁמוֹנֶה הַזָּאוֹת שֶׁל הַכֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים**, הַיְנוּ כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן הָיָה מוֹנֶה הַהַזָּאָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁלְּמַעְלָה עִם כָּל הַשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, **אַחַת, אַחַת וְאַחַת, אַחַת וּשְׁתַּיִם וְכוּ'**, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר אוֹר דִּלְעֵלָּא, בְּחִינַת הָאַהֲבָה שֶׁבַּדַּעַת, בְּחִינַת אַחַת לְמַעְלָה, בַּשֶּׁבַע שֶׁלְּמַטָּה, בִּבְחִינַת שִׁבְעָה יָמִים וּמִדּוֹת כַּנַּ"ל.

[ל] יומא דף נ"ה ע"א.

[לא] עיין 'ילקוט שמעוני' על הפסוק 'אז ישיר משה': **א' אחד, ז' שבעה, הרי שמונה; אמר משה, בזכות המילה שניתנה לשמונה נקרע הים ב"אָז" נְקַלֵּס.**

[לב] אות י"א, וזל"ש: כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁזּוֹכֶה לִפְעֹל בַּקָּשַׁת סְלַח נָא בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן פְּגַם חֻרְבַּן הַבַּיִת, כְּמוֹ כֵן נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חֲנֻכַּת הַבַּיִת, בְּחִינַת חֲנֻכָּה. נִמְצָא שֶׁחֲנֻכָּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי סְלַח נָא

פועל'ן 'סלח נא' - **אזא חנוכה האט מען!** - **האט דאך א שייכות 'יום־כיפור' מיט 'חנוכה'.** אין דעם פסוק: "**ס**לח **נ**א לעון העם ה'זה **כ**'גודל **ח**'סדך ו'**כ**אשר נ'**ש**אתה" איז דארטן דא דער צירוף פון חנוכ"ה.

דער רבי זאגט דארטן[לג]: "**ומשה זכה לסוד חנוכה**" - משה האט זוכה געווען צו דעם סוד. **וואס איז דער סוד פון 'חנוכה'? אז מען זאל שרייען צום אויבערשטן 'סלח נא'!** וועדליג דער בקשת 'סלח נא' - **אזא חנוכה האט מען!**

**"ומשה זכה לסוד חנוכה"!**

עס שטייט: "**וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת**"; זאגט דער רבי - '**סר וזעף**'. עס איז א לשון המדרש[לד], משה רבינו, באלד ביים אנהויב איז ער שוין געווען '**סר וזעף**' - **פארצארנט**, ווייל ער האט געזעהן אז עס וועט זיין דער חורבן בית המקדש, דער אויבערשטער האט דאס אים געוויזן ביים 'סנה'; איז ער געווען פארצארנט - '**וואס וועלן אידן טוהן אז זיי וועלן נישט האבן קיין בית המקדש?!**'.

דער צדיק, באלד ביים אנהויב התקרבות איז ער שוין געווען פאַרצאָרנט - '**וואס וועלן אידן טוהן אז זיי וועלן נישט האבן קיין בית המקדש?!**'
האט אים דער אויבערשטער מודיע געווען דעם סוד פון 'חנוכה' - "**סלח נא!**" **שרייען צום אויבערשטן "סלח נא!"** - **אט דאס איז דער סוד פון 'חנוכה'**; דארטן איז דא דער צירוף פון חנוכה!

**"משה זכה לסוד חנוכה", אז דורך בקשת 'סלח נא' איז מען זוכה צו 'חנוכה'.**

כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן רָמַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, צֵרוּף חֲנוּכָּה בַּפָּסוּק סְלַח נָא, כִּי סְלַח נָא לַעֲוֹן הָעָם הַ'זֶּה כְּ'גֹדֶל חַ'סְדֶּךָ וְ'כַאֲשֶׁר נָ'שָׂאתָה וְכוּ' הוּא רָאשֵׁי תֵבוֹת חֲנוּכָּה, כִּי חֲנֻכָּה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי סְלַח נָא וְכוּ' כַּנַּ"ל.

[לג] שם בהמשך: **וּמשֶׁה רַבֵּנוּ זָכָה לְסוֹד חֲנֻכָּה**, עַל יְדֵי שֶׁמָּסַר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל וְנָתַן לִבּוֹ עֲלֵיהֶם לְהִסְתַּכֵּל בְּצָרָתָם, כִּי הוּא הָיָה רַחֲמָן וּמַנְהִיג אֲמִתִּי כַּנַּ"ל. וְעִקַּר צָרַת יִשְׂרָאֵל הוּא הַמַּשָּׂא שֶׁל עֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן בִּקֵּשׁ עֲלֵיהֶם סְלַח נָא כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חֲנֻכָּה, בְּחִינַת חֲנֻכַּת הַבַּיִת, שֶׁבְּזֶה תָּלוּי תִּקּוּן כָּל הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל, כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ חֲנוּכָּה חָנוּ כ"ה, הַיְנוּ כ"ה בְּכִסְלֵו. **כִּסְלֵיו הוּא אוֹתִיּוֹת: "וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת"** (שְׁמוֹת ג) כִּי משֶׁה רַבֵּנוּ נָתַן לִבּוֹ לְהִסְתַּכֵּל בְּצָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל. וְזֶהוּ: '**כִּי סָר לִרְאוֹת לְשׁוֹן סַר וְזָעֵף**' (מְלָכִים א כ"א) וְעִקַּר צָרָתָן הוּא הַמַּשָּׂא שֶׁל עֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, כַּנַּ"ל.

[לד] שמות רבה ב, ו': אָמַר רַבִּי יִצְחָק, מַהוּ '**כִּי סָר לִרְאוֹת**'? אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, **סַר וְזָעֵף** הוּא זֶה לִרְאוֹת בְּצַעֲרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם, לְפִיכָךְ רָאוּי הוּא לִהְיוֹת רוֹעֶה עֲלֵיהֶן, מִיָּד 'וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹקִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה'.

# איבערדרייען 'בין־המצָרים' אויף 'חנוכה'...

אין דעם "סלח נא לעון ה'זה כ'גודל ח'סדך ו'כאשר נ'שאתה איז דא דארטן חנוכ"ה; "סלח נא לעון העם" דאס איז 'חנוכה'!

און נישט מען זאל דאס שרייען נאר יום כיפור - נאר א גאנץ יאר![לה]

"ומשה זכה לסוד חנוכה"; האט ער אים 'שוין' מודיע געווען דעם סוד פון חנוכה; אז עס וועט נישט זיין קיין בית המקדש, וועט זיין דער 'סלח נא לעון העם'.

(אחד הנוכחים: דער באדיטשובער רב האט גע'טענה'ט פארן אויבערשטן יום כיפור - "רבונו של עולם, זאג מיר איין ווארט: 'סלחתי'!"[לו])

ווען מען פאלט 'כורעים' אום יום־כיפור, זאגט מען נאר "כי ביום הזה יכפר עליכם וכו' לפני ה'" - און מען הויבט זיך אויף. אין "זוהר" שטייט[לז], דעם "תטהרו" האט מען געהערט פון אויבן א קול "תטהרו".

דאכט זיך, פון דאנעט קען מען זאגן א התחזקות אויך, דער "תטהרו לפני ה'" איז א סייעתא דשמיא וואס דער אויבערשטער העלפט אים צו[לח]; דער 'לפני ה' תטהרו', דער 'תטהרו' אליין העלפט מען פון אויבן; עס איז א התחזקות אז דער 'תטהרו' העלפט דער אויבערשטער פון אויבן[לט].

---

[לה] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מאור ליום ד' ויצא תקצ"ו: **וְגַם עַתָּה עֲדַיִן צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל שֶׁיִּתְקַבֵּל הַסְּלַח נָא שֶׁל יוֹם כִּפּוּר, כִּי בְּכָל יוֹם צְרִיכִין לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת קְדֻשַּׁת יוֹם כִּפּוּר שֶׁמַּמְשִׁיכִין בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וּכְמוֹ כֵן זוֹכִין לַחֲנֻכַּת הַבַּיִת** שֶׁהוּא בְּחִינַת הֶאָרַת בֵּן וְתַלְמִיד לְהוֹדִיעַ לְדָרֵי מַעְלָה וּלְדָרֵי מַטָּה גְּדֻלָּתוֹ וּמַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְכוּ'. וְהָעִקָּר הוּא לְהוֹדִיעַ בְּזֶה הָעוֹלָם הַשָּׁפָל לְכָל הַנְּמוּכִים מְאֹד מְאֹד, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, בִּבְחִינַת הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שׁוֹכְנֵי עָפָר וְכוּ' וְכוּ'. **גֶעוַואלְד בְּרוּדֶער הַארְצִיקֶער**, אַל יַזְקִינוּ בְּעֵינֵיכֶם דְּבָרִים נוֹרָאִים חֲדָשִׁים כָּאֵלֶּה.

[לו] מובא ב'זכרון טוב' (ממוהר"י מנעשכיז, תרנ"ב), וזל"ש: סיפר, שהבארדיטשוב'ער זלה"ה אמר פעם אחת: "רבונו של עולם, אנחנו אין בנו כח לומר 'ויאמר ה' סלחתי' (במדבר יד כ), אמור אתה '**סלחתי**' כי בנו אין כח לומר שום דבר!".

[לז] פר' אחרי דף ס"ו ע"ב.

[לח] על דרך מה שאחז"ל (יומא לח:) 'הבא לטהר מסייעין לו'.

[לט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' שבת ה"ז אות נ"ג: וְזֶהוּ בְּחִינַת 'כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם' וְכוּ', שֶׁעִקַּר הַכַּפָּרָה בְּחִינַת 'כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם' הוּא שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי זֶה 'לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם **לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ' - הַיְנוּ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְטַהֵר אוֹתָנוּ** לְהַבָּא מִכָּל חַטֹּאתֵינוּ.

**מיטן כח פונעם רבי'ן קען מען מאכן 'בין המצָרים' - 'חנוכה'...[מ]**

**תמיד קען מען מאכן דעם 'סלח נא לעון העם' - דאס איז דאך 'חנוכה' - דאס קען מען מאכן תמיד! אז מען שטייט אויף ביינאכט האט מען א גוטן 'חנוכה'![מא]**

**דער רבי זאגט טאקע אין א תורה[מב], און ער ברענגט עס אין "ספר המידות"[מג], א טאג וואס דער מענטש טוהט 'תשובה' איז 'למעלה מהזמן'. יום־כיפור איז 'למעלה מהזמן'; "יום שהאדם עושה תשובה הוא למעלה מהזמן"! ביי 'למעלה מן הזמן' קען זיין 'חנוכה' - 'יום כיפור', און עס קען זיין אז 'בין המצרים' זאל זיין 'חנוכה', ווייל עס איז 'למעלה מהזמן'; אז מען טוהט תשובה איז 'למעלה מהזמן', עס איז גאר קיין זמן נישטא.**

**אבער פונדעסטוועגן מיט דעם ווארט 'למעלה מהזמן' קען מען נישט זאגן אז מען קען דאווענען דריי אזייגער בייטאג... דאס טאר מען נישט זאגן.**

## אַן אתרוג אום חנוכה?

**טאקע ביי 'למעלה מן הזמן' קען מען האבן אינמיטן יאר א הארה, א שַיין, א ליכטיגקייט פון חנוכה, א הארה פון יום־כיפור, אבער מצוות וואס זענען מלובש אין א זמן דארף מען טוהן נאר אין דעם זמן, נישט אנדערש[מד].**

---

[מ] שיחה זו נאמרה בפרשת מטו"מ בבין המצרים על התורה 'בראשית-לעיני כל ישראל' והיו משיחים יחד עד שנכנסו ב'דברים היוצאים מן הלב' עד שנכנסו ב'אורו של חנוכה'... [עיין בַּתורה 'כי מרחמם ינהגם' בפנים אות י"א, שחטא המרגלים גרם חורבן ביהמ"ק (שעל זה מתאבלים בבין המצרים), ועל זה ביקש מרע"ה 'סלח נא' ופעל עי"ז קדושת חנוכה בחינת חנוכת ביהמ"ק, עיי"ש].

[מא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נזיקין ה"ה אות מ"ג: **עַל יְדֵי הַדְלָקַת נֵרוֹת חֲנֻכָּה בִּזְמַנּוֹ בִּימֵי הַנִּסִּים הָאֵלּוּ אָנוּ מַמְשִׁיכִין הָאוֹר הַזֶּה לְכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ**, ע"כ. מובא גם בעוד שאר מקומות בליקו"ה.

[מב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ט.

[מג] ערך 'תשובה' חלק שני, אות א': **יוֹם שֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה הוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, וּמַעֲלֶה כָּל הַיָּמִים לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, וְכֵן יוֹם הַכִּפּוּרִים הוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן.**

[מד] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ע"ט הנ"ל, וזל"ש בסופו: כִּי בֶּאֱמֶת עִקָּר הָעֲבוֹדָה הוּא לְקַשֵּׁר וּלְבַטֵּל בְּחִינַת הַזְּמַן, לְהַעֲלוֹתוֹ וּלְיַחֲדוֹ בִּבְחִינַת לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן. **וְזֶה בְּחִינַת מִצְווֹת זְמַנִּיּוֹת, כְּדֵי לִזְכּוֹת עַל יְדֵי הַמִּצְווֹת זְמַנִּיּוֹת, שֶׁיִּתְאַחֵד הַזְּמַן וְיַעֲלֶה הַזְּמַן לִבְחִינַת לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן.**

אט דאס איז די גרויסקייט פון אידן! די תורה הקדושה, זי אליין איז העכער ווי דעם זמן, אבער זי איז מלובש אין א זמן, יעדע מצוה וואס איז מלובש אין א זמן, די עצם מצוה איז העכער ווי דעם זמן, אבער זי איז מלובש אין א זמן, און אויב איך וועל נישט טוהן אין דעם זמן - טוה איך נישט דער מצוה.

**איך וועל בענטשן אתרוג אום חנוכה?!**

רבי נתן איז געווען אין גאליציע. איז געווען א רב, האט ער געדאווענט דארטן, זייער געשמאק געדאווענט, עס איז געווען שפעט, נאכן זמן. האט רבי נתן געזאגט: "עס איז **א קארפינער אתרוג, נאר עס איז אום חנוכה!...**"

'קארפין' איז געווען די שענסטע אתרוגים.

'עס איז א שיינער אתרוג, נאר עס איז אום חנוכה'...

דער אתרוג - אום סוכות - אפילו מיט שאלות - אויב ער איז נאר כשר - קען מען מאכן א ברכה און מען איז יוצא מצות אתרוג. א שענערער איז אוודאי א הידור, אבער מען איז יוצא מצות אתרוג; אבער אום חנוכה, דער שענסטער אתרוג - -

דער רבי האט געזאגט[מה]: "הצדיקים שוגים בזה שמאחרים זמן תפילה".

רבי מיכעלע זלאטשובער האט געדאווענט שפעט, עס איז א דבר ידוע, ער האט געדאווענט שפעט א גאנץ יאר, איינער אליין! קיין מנין האט ער נישט געלאזט בשום-אופן נישט! אז ער האט געהאט יארצייט נאכן פאָטער האט ער געדאווענט 'בזמנו', דעמאלט האט ער געוואלט דאווענען מיט מנין, האט ער געדאווענט 'בזמנו'.

דער בארדיטשובער רב האט זיך געשטעלט דאווענען גאר פרי. האט מען אים געפרעגט פארוואס ער דאוונט נאכן זמן. (ענה:) "איך שטעל זיך דאווענען אין זמן" - גאנץ פרי צום טאג האט ער זיך שוין געשטעלט דאווענען. ער איז געווען אזא מין ברען אז ווי מען האט נאר געמעגט לייגן תפילין - האט ער שוין גענומען די תפילין - ער האט שוין געברענט. נאר ער האט זיך אזוי פאר'דביקות'ט (אינעם דאווענען) אז ער איז אריבער איבער דעם זמן.

---

[מה] חיי מוהר"ן אות תפ"ז.

ער האט געזאגט: "'ולדבקה בו' איז דאך 'מדאורייתא', און אז איך האלט אינמיטן דאווענען קען איך נישט אפרייסן דאס דביקות!" - אזוי האט ער געענטפערט. "אבער איך שטעל דאך זיך דאווענען אין זמן!".

געוועגטליך (- פארשטייט זיך), ער האט זיך געשטעלט דאווענען ווען עס איז געווען עטליכע שעה צום זמן. פונדעסטוועגן האבן די גדולים דעם תירוץ נישט אנגענומען, מען מוז זיך מצמצם זיין!

מיר רעדן נישט אויפן בארדיטשוב'ן רב, ער איז געווען גרויס, מען רעדט דאך קעגן אונז! מיר זאלן וועלן אים נאכטוהן ווייל ער האט אזוי געטוהן - איז אוודאי טארן מיר נישט.

מען האט דאך א לימוד פון דעם בעל־שם הקדוש מיט זיין חבריא, זיי זענען אוודאי געווען זייער גרויס, און זיי האבן געדאווענט ותיקין!

פון דעם בעל־שם הקדוש שטייט, עס איז דא א קליפה וואס הייסט 'חֵימָה', וואס ווען די קליפה גייט ארויס קען מען זיך נישט פארבאהאלטן פאר איר, 'ואין נסתר מחמתו', מען קען זיך נישט פארבאהאלטן פאר איר, זאל מען זעהן דאווענען איידער די קליפה גייט ארויס, דאס איז דער סוד פון ותיקין[מו].

## זיך גרייטן צום דאווענען

(ר' אברהם יצחק מערמלשטיין: רבי נתן האט נישט מדייק געווען אזוי אין ותיקין) ער האט געזאגט אז ער קען נישט דאווענען אזוי ווי דעם שווער (מיטן בייזן למדן), ער האט נישט געקוקט אויפן זייגער. רבי נתן האט נישט געקוקט אויפן זייגער[מז]. מען האט זיך געשטעלט

---

[מו] עיין צוואת הריב"ש: והחילוק בין קודם הנץ בין לאחר הנץ **כרחוק מזרח ממערב** כי אז עדיין יכולין לבטל, כל הדינים כי כשהחמה יוצאת אזי כל הכרוזים יוצאים הן לטב הן לביש וקודם שהכרוז יוצא יכולים לבטל, וסימנך והוא כחתן יוצא מחופתו ישיש כגבור וכו' **ואין נסתר מחמתו אל תקרי מחמתו אלא מחימתו** כלומר כשכבר השמש יצא על הארץ אז אין נסתר מהדינים הבאים ממלאכי חימה ע"כ. אל יהא דבר זה קטן בעיניך כי גדול הוא, ובע"ש ז"ל היה מדקדק גדול ע"ז **ולפעמים כשהיה עת שלא היה לו מנין היה מתפלל ביחיד**.

[מז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות תכ"ז.

דאווענען צום טאג. אין חוץ־לארץ איז דא א שעה מיט צוועלף מינוט - קען מען דאווענען; פון לייגן דעם 'טלית' ביז 'קריאת שמע' איז דא א שעה מיט צוועלף מינוט, איז דא ווען צו דאווענען.

רבי נתן האט מאריך געווען שטארק אין דאווענען, נאר אויפן זייגער האט ער נישט געקוקט.

(ר' אברהם יצחק: בכלל אין רוסלאנד האט מען געקוקט אויפן זייגער ביי ותיקין אזוי ווי דא?) **ניין!** (ר' אברהם יצחק: מען האט געקוקט ווען ס'איז געווארן טאג, דעמאלט האט מען געדאווענט שמונה עשרה?) **יא!**

אינ'אמת'ן, אין חוץ־לארץ דארטן האט מען נישט געקענט וויסן דעם ריכטיגן 'נץ החמה'. דא איז דאך מיט חשבונות אויסגעמאסטן די נעכט מיט די טעג. דא איז איינער געווען ר' נתנאל תפילינסקי[מח] - ער איז געווען א איד א צדיק, צוריק מיט יארן, ער איז אפגעלעגן יארן-חדשים אויף די בערג און אויסגעמאסטן דעם זמן פון 'ותיקין' פונקטליך - אזוי דערציילט מען.

דא איז דא א זמן ותיקין, עס איז דא א חילוק א מינוט (ארויף-אראפ), אבער אין חוץ־לארץ האט מען נישט געוואוסט, מען האט געקוקט ווי די זון גייט ארויף, דאס האט מען געקענט דארטן[מט].

דער תירוץ דערפון איז אזוי; אז מען מעג שוין לייגן די תפילין, דארף מען אנטוהן די תפילין! אז מען מעג טוהן דער מצוה, דארף מען 'שוין' טוהן דער מצוה! נישט טוהן קיין שום זאך, קיין שום עבודות[נ]; איי, די קשיא איז - א הכנה צום דאווענען? איז דא א נאכט; דער אויבערשטער האט דיר געגעבן פריער א נאכט, די נאכט איז דער 'מֵכין' צום דאווענען.

---

[מח] זקינו של החסיד הנודע האברך ר' יעקב גדלי' תפילינסקי ז"ל.

[מט] עיין 'תוספות' יומא דף ל"ז ע"ב ד"ה 'אמר אביי לשאר עמא דבירושלים': מצוה היא להקדים עם הנץ כוותיקין. **ולפי שאין הכל בקיאין לעשות כוותיקין נקבע אותו זמן מיד אחר זריחה** לשאר עמא דבירושלים שאין יודעין לכוין כוותיקין.

[נ] עיין 'ליקוטי עצות' ערך 'תפילה', אות צ"א: צָרִיךְ לְהִזָּהֵר לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם, **וְתֵכֶף שֶׁיַּתְחִיל לְהָאִיר הַיּוֹם** יִתְפַּלֵּל תֵּכֶף בְּלִי אִחוּר, **וְלֹא יִלְמַד עוֹד** וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה שׁוּם דָּבָר מֵעֲסָקָיו עַד שֶׁמִּתְפַּלֵּל (והיא עפ"י שיחות הר"ן אות ל"א).

מיר רעדן אזוי ווי ס'איז; אז מען דאוונט אזוי אָן קיין הכנה, קען איך דאך אויפשטיין א שעה פארן נץ, גיין אין מקוה, און דאווענען! נאר די וואס ווילן טאקע דאווענען מיט א גרויסע הכנה - האט ער א גרויסע נאכט.

דער אר"י הקדוש ברענגט, אז עס קומט חצות איז שוין דא די הארה פון תפילין - רבי נתן ברענגט דאס אויך אין די "הלכות"[נא] - ביי חצות הויבט זיך שוין אָן די הארה פון תפילין, עס שיינט שוין דער אור פון תפילין.

די צדיקים וואס דאווענען טאקע מיט אזא דביקות צום אויבערשטן, זיי גרייטן זיך צו א נאכט פריער. אבער ווען עס ווערט טאג - איז אנגעטוהן די תפילין. אז עס קומט דער זמן, איז אנגעטוהן די תפילין, אט דאס איז דער אמת'ער אמת.

איי דער אמת איז נאך פארבאהאלטן? דאס איז 'העלמה' - "וזה בחינת ההעלמה"![נב] אט דאס איז 'העלמה'. דער אמת'ער צדיק איז נעלם, און יעדער אמת'ער דיבור איז נעלם; 'וזה בחינת ההעלמה'.

(ר' אברהם יצחק: דאס קען זיין נעלם ביי איינעם וואס איז שוין מקורב צום צדיק אויך!) **יא, אט דאס** הייסט אויך אין כלל פון דער העלמה, אז מען רעדט א דבר-אמת וואס עס איז א יסוד אין אידישקייט - און די זאך איז נעלם; 'וזה בחינת העלמה'.

בכלל, די נקודה פון חצות איז אויף דער וועלט אינגאנצן נעלם. עס איז געקומען איינער מיט א פאלשער בריוו[נג] - אז מען האט שוין פארראכטן די אנדערע האלבע נאכט און אז היינט איז דער עיקר די ערשטע האלבע נאכט - אפגעפירט די גאנצע וועלט פון חצות.

ווען די גאנצע וועלט זאל אננעמען דעם רבי'ן אין דער נקודה פון "חצות" וואלט מען שוין לאנג געווארן אויסגעלייזט...[נד]

---

[נא] עיין 'ליקוטי הלכות' הלכות תפילין.

[נב] עפ"י ליקוטי מוהר"ן תניינא ס"ז, עיי"ש.

[נג] עיין 'טעם זקנים' קונטרס י"א, כ"ג, קכ"ז.

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"א אות ט"ו: **וְכֵן גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁאָנוּ מְקַוִּים בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ תִּהְיֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת חֲצוֹת, עַל יְדֵי הַכְּשֵׁרִים וְהַיְּרֵאִים עוֹמְדִים בְּכָל לַיְלָה בַּחֲצוֹת.**

# אומאן - שבת חנוכה

(אחד הנוכחים: צום רבי'נס ציון איז מען נישט געפארן אויף שבת חנוכה?) **אין מיינע צייטן יא**[נה].

**רבי נתן איז איינמאל געווען ביים רבי'ן** (לאחר הסתלקותו אין אומאן אויף שבת חנוכה)**, און אסאך מענטשן זענען גארנישט געקומען ווייל זיי האבן געמיינט ער וועט זיין אין ברסלב**[נו].

(ר' משה בינענשטאק: אין אייערע צייטן פלעגט מען קומען קיין אומאן אויף שבת חנוכה?) **אין מיינע צייטן איז געווען צייטן וואס עס איז געקומען אזא עולם, אז מען האט עס גערופן - "א קליינער ראש השנה!" שבת-חנוכה האט מען גערופן 'א קליינער ראש־השנה'.**

(אחד הנוכחים: עס שטייט "ינצל מעולם התוהו") **די דריי** (זמנים)**, 'שבת־חנוכה', און 'שבועות', און 'ראש־השנה'**[נז].

[נה] עיין חיי מוהר"ן סי' קכ"ו: דַּרְכֵּנוּ הָיָה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה **וְעַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה** וְעַל חַג הַשָּׁבוּעוֹת וּבְאֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה זְמַנִּים הָיִינוּ אֶצְלוֹ תָּמִיד מִיּוֹם שֶׁקָּבַע דִּירָתוֹ פֹּה בְּרֶסְלַב. **וְהָיָה מְצַוֶּה וּמַזְהִיר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בְּאֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה זְמַנִּים.** וְהָיָה תָּמִיד אוֹמֵר תּוֹרָה נִפְלָאָה בַּאֲרִיכוּת גְּדוֹלָה בְּאֵלּוּ הַזְּמַנִּים.

[נו] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מיום ערשב"ק וישב תר"ב, אומאן: **לְעֵת עַתָּה נִקְבַּע בְּדַעְתִּי לְהִתְעַכֵּב פֹּה אוּמִין עַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה**, וּמִן הַסְּתָם לֹא אָזוּז מִפֹּה קֹדֶם שַׁבַּת חֲנֻכָּה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. וְכַמָּה וְכַמָּה קָשֶׁה וְכָבֵד עָלַי אֲפִלּוּ לִזְכֹּר עִנְיַן הָעֵסֶק שֶׁלִּי בְּעֵת הַקִּבּוּץ אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר. וְאֵינִי יָכוֹל עַתָּה לְדַבֵּר בָּזֶה. יְדִידֵינוּ רַבִּי אֶפְרַיִם נֵרוֹ יָאִיר מִקְּרֶעמִינְטְשׁוּג כָּתַב לְכָאן קֹדֶם שַׁבַּת וַיִּשְׁלַח הֶעָבַר **שֶׁאִם יָדַע בְּוַדַּאי שֶׁאֶהְיֶה פֹּה עַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה יָבוֹא בְּעַצְמוֹ** וַאֲנָשִׁים מִקְּרֶעמִינְטְשׁוּג וּטְשֶׁעהְרִין וּמֶעדְוֶועדִיבְקָא, **וַאֲנִי לֹא הֵשַׁבְתִּי אוֹתוֹ אָז**; גם עיין שם במכתב מיום ג' וארא תר"ב: דַּע יְדִידִי כִּי בָּאתִי **לְפֹה אוּמַאן** קֹדֶם רֹאשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו וְנִתְעַכַּבְתִּי פֹּה **עַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה**. וּתְהִלָּה לָאֵל הָיוּ פֹּה **קְצָת אוֹרְחִים** וְדִבַּרְנוּ דִּבְרֵי תּוֹרָה אֲמִתִּיִּים הַמְחַיִּין אֶת הַנֶּפֶשׁ; גם עיין שם במכתב מיום ג' יתרו תר"ב: וְנִתְעַכַּבְתִּי שָׁם **בְּאוּמַאן** גַּם בִּימֵי **שַׁבַּת חֲנֻכָּה** הֶעָבַר. אֲשֶׁר מֵעוֹדִי לֹא נִתְעַכַּבְתִּי בְּשַׁבַּת חֲנֻכָּה בַּדֶּרֶךְ. וּמִי יָבִין דַּרְכֵי ה' וְנִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר הוּא מְסַבֵּב עִמִּי וְעִמָּנוּ יַחַד. כִּי הַקִּבּוּץ שֶׁלָּנוּ יָקָר מְאֹד מְאֹד. וְאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר בָּזֶה כְּלָל בִּפְרָט עַל פְּנֵי הַשָּׂדֶה. וְרַבִּי אֶפְרַיִם שֶׁיִּחְיֶה מִקְּרוּמִינְטְשַׁאג כָּתַב בְּפֵרוּשׁ לְאָבִיו יְדִידֵנוּ רַבִּי נַפְתָּלִי נֵרוֹ יָאִיר שֶׁבְּאִם יֵדַע שֶׁאֶתְעַכֵּב בְּאוּמַאן שַׁבַּת חֲנֻכָּה שֶׁיָּבוֹא הוּא עִם הַרְבֵּה מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ מִטְּשֶׁעהְרִין וּמֶעדְוֶועדִיוְוקֶע עַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה. וְהָיִינוּ מְצַפִּים שֶׁיָּבוֹאוּ **וְלֹא בָּא אֶחָד מֵהֶם.**

[נז] עיין 'כוכבי אור' - בכת"י הרב מטשעהרין זצ"ל, וזל"ש: **שָׁמַעְתִּי מֵר' יְשַׁעְיָה שָׁלוֹם שֶׁשָּׁמַע מֵאָבִיו** (- רבי יודל מגדולי תלמידי רביז"ל) **שֶׁפַּעַם אַחַת סִפֵּר רַבֵּנוּ ז"ל עִמָּהֶם מֵעִנְיַן עוֹלַם הַתֹּהוּ.** וְאָז אָמַר עֵצָה לָזֶה שֶׁיִּשָּׁבַע בִּנְקִיטַת חֵפֶץ כָּשֵׁר שֶׁכָּל יְמֵי חַיָּיו לֹא יַעֲבֹר עָלָיו אֶחָד מִשְּׁלֹשָׁה זְמַנִּים הַקְּבוּעִים לִהְיוֹת אֶצְלוֹ. הַיְנוּ עַל

(אחד הנוכחים: ביי רבי נתן'ען איז מען דאך נישט געקומען שבת חנוכה צום ציון!?) **בחיי רבי נתן איז מען געפארן צו רבי נתן'ען; אז מען איז געפארן צו רבי נתן'ען איז מען געפארן צום**

---

רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַל שָׁבוּעוֹת וְעַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה, כִּי אָז הָיָה זְמַן קְהִלָּה לַכֹּל. וְהַשְּׁנֵי זְמַנִּים אֲחֵרִים הָיָה הַחִיּוּב רַק עַל אוֹתָם שֶׁאֵינָם רְחוֹקִים מִמְּקוֹמוֹ כָּל־כָּךְ. וְהָרְחוֹקִים הָיָה לָהֶם זְמַנִּים אֲחֵרִים, הַיְנוּ שַׁבַּת שִׁירָה, וְשַׁבַּת נַחֲמוּ כִּי אָז הָיָה ז"ל נוֹסֵעַ אֲלֵיהֶם. וְגַם לְשָׁבֻעַ שֶׁתֵּכֶף אַחַר הַמִּיתָה וְהַהִסְתַּלְּקוּת הוּא מֻכְרָח לָבֹא אֵלָיו ז"ל, וְאָז יִהְיֶה הַכֹּל עַל נָכוֹן. **וְסִפֵּר לְעִנְיָן זֶה מַעֲשֶׂה** (כִּמְדֻמֶּה שֶׁאָמַר שֶׁכָּתוּב בְּאֵיזֶה פִּנְקָס) שֶׁבְּעִיר אַחַת הָיָה שָׁם אֵיזֶה רַב שֶׁהָיָה לוֹ אַהֲבָה גְּדוֹלָה עִם בַּעַל הַבַּיִת אֶחָד מֵהָעִיר. פַּעַם אַחַת נִתְקַשְּׁרוּ בִּתְקִיעַת כַּף שֶׁכָּל מִי שֶׁיִּסְתַּלֵּק קֹדֶם יָבוֹא וִיסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ מֵהַנַּעֲשֶׂה עִמּוֹ. וְנִסְתַּלֵּק הָרַב מִקֹּדֶם וְנִשְׁתַּהָה הַדָּבָר עֶשֶׂר שָׁנִים. וְהִגִּיעַ עֵת הִסְתַּלְּקוּת הַבַּעַל הַבַּיִת הַנַּ"ל, וְסִפֵּר אֶת הַדָּבָר לִבְנוֹ וּמָסַר לוֹ כֹּחַ הַתְּקִיעַת כַּף, וְנִשְׁתַּהָה עוֹד עֲשָׂרָה שָׁנִים, וְנִסְתַּלֵּק גַּם הַבֵּן וּמָסַר הַתְּקִיעַת כַּף לִבְנוֹ וְנִשְׁתַּהָה עוֹד שְׁמוֹנֶה שָׁנִים, וּבָא הָרַב הַנַּ"ל בַּחֲלוֹם לְבֶן בְּנוֹ הַנַּ"ל וְסִפֵּר לוֹ מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו. בְּעֵת שֶׁהִנִּיחוּ אוֹתוֹ בַּקֶּבֶר נִדְמָה לוֹ שֶׁהוּא חָזָק וּבָרִיא עַל כָּל אֵבָרָיו, וּמַה זֹּאת שֶׁיַּעֲשׂוּ עָוֶל כָּזֶה לִקַּח אָדָם חַי וּבָרִיא וּלְקָבְרוֹ בְּחַיָּיו, רַק מַה לַּעֲשׂוֹת, אַחַר־כָּךְ בָּא עַל דַּעְתּוֹ לְנַסּוֹת אֶת עַצְמוֹ אוּלַי יוּכַל לַעֲלוֹת מִקִּבְרוֹ. וְנִדְמָה לוֹ שֶׁהֵרִים אֶת הַגּוֹלֵל עִם עֲפַר הַקֶּבֶר וַיֵּצֵא מִקִּבְרוֹ. רַק אֵיךְ אֶפְשָׁר לִכָּנֵס לָעִיר הֲלֹא הוּא מְלֻבָּשׁ בְּתַכְרִיכִין שֶׁל מֵתִים. וְהָיָה בְּדַעְתּוֹ לְהַמְתִּין עַד חֶשְׁכַת לַיְלָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, וְאָז יִכָּנֵס לְבֵיתוֹ, וּמֵרָחוֹק הִסְתַּכֵּל עַל הָעִיר וְהִכִּיר אֶת הַבָּתִּים, וְגַם אֶת בֵּיתוֹ הִכִּיר. אַחַר־כָּךְ בָּא עַל דַּעְתּוֹ כִּי אִי אֶפְשָׁר לוֹ לִכָּנֵס כָּךְ אַף לְבֵיתוֹ, כִּי יִפְחֲדוּ בְּנֵי בֵּיתוֹ. בְּתוֹךְ כָּךְ נִדְמָה לוֹ שֶׁהוֹלֵךְ סַרְסוּר (טֶענְדְלֶער) וְנוֹשֵׂא מַלְבּוּשִׁים, וְיֵשׁ לוֹ גַּם מַלְבּוּשִׁים שֶׁשַּׁיָּכִים לוֹ כְּמַלְבּוּשֵׁי הָרַבָּנִים. וְדִבֵּר עִמּוֹ אוּלַי יַעֲשֶׂה עִמּוֹ חִלּוּף עַל הַתַּכְרִיכִים כִּי הֵם טוֹבִים וַחֲדָשִׁים עֲדַיִן, וְזֶה יוֹם אֶחָד שֶׁלְּבָשָׁם. וְהִסְכִּים הַסַּרְסוּר וְנָתַן לוֹ הַמַּלְבּוּשִׁים וְנִכְנַס לָעִיר. כְּשֶׁנִּכְנַס רָאָה שֶׁאֵין זֶה הָעִיר שֶׁלּוֹ, כִּי יֵשׁ שָׁם בָּתִּים אֲחֵרִים. וְסָבַר בְּדַעְתּוֹ אוּלַי טָעָה וְנִתְעָה לְאֵיזֶה עִיר אַחֶרֶת קְרוֹבָה. בְּתוֹךְ כָּךְ נִשְׁתַּהָה קְצָת לְתוֹךְ הַלַּיְלָה וּבְכָל בֵּית הָעִיר כִּבּוּ אֶת הַנֵּרוֹת כַּנָּהוּג, רַק בְּבַיִת אֶחָד הֵאִיר עֲדַיִן. וְנִכְנַס לְבַיִת זֶה וְהוּא רָעֵב מְאֹד כְּשֶׁנִּכְנַס רָאָה שֶׁשָּׁם הוּא (גָּארְקֶעךְ) בֵּית תַּבְשִׁיל. וְשָׁאַל יֵשׁ כָּאן מַה לֶּאֱכֹל וְהֵשִׁיבוּ לוֹ יֵשׁ, אֲבָל יֵשׁ לְךָ מָעוֹת הֵשִׁיב אֵין לִי. אָמְרוּ לוֹ בְּכָאן אֵין אֹכֶל בְּלִי מָעוֹת כִּי הוּא גָּארְקֶעךְ, וַיֵּצֵא בְּפַחֵי נֶפֶשׁ. בְּתוֹךְ כָּךְ הֵאִיר הַיּוֹם, כִּי אָז הָיָה לֵילוֹת הַקַּיִץ וְרָאָה מֵרָחוֹק שְׁנֵי אֲנָשִׁים וְיֵשׁ לָהֶם אֵיזֶה דִּין וּדְבָרִים בֵּינֵיהֶם. וְנִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם וּפָסַק לָהֶם דִּין תּוֹרָה אֲמִתִּי (כָּךְ סִפֵּר ז"ל), וְנָתַן לוֹ אֶחָד שְׁנֵי זָהָב וְנִכְנַס לְגָארְקֶעךְ וְצִוָּה לָתֵת לוֹ אֹכֶל וּמָזְגוּ לוֹ קְצָת יַיִ"שׁ וְרָצָה לִשְׁתּוֹת. בְּתוֹךְ כָּךְ בָּאוּ שְׁנֵי שְׁלִיחִים וְאָמְרוּ הַבֵּית דִּין שָׁלַח אַחֲרֶיךָ לֵילֵךְ תֵּכֶף וּמֻכְרָח לֵילֵךְ עִמָּהֶם. כְּשֶׁבָּא אֶל הַבֵּית דִּין, נִתְרַגְּזוּ עָלָיו הַבֵּית דִּין מְאֹד וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ מַדּוּעַ בָּאתָ לְכָאן אִישׁ זָר לִפְסֹק בְּכָאן דִּין תּוֹרָה אֲמִתִּי. כַּמָּה זְמַן מַמְתִּינִים אֲנַחְנוּ לָזֶה שֶׁיָּבוֹא לְפָנֵינוּ דִּין תּוֹרָה אֲמִתִּי, וְעַכְשָׁו בָּאתָ לְכָאן וּפָסַקְתָּ דִּין תּוֹרָה אֲמִתִּי. וְצִוּוּ לְחַפֵּשׂ אוֹתוֹ אוּלַי לָקַח שֹׁחַד וְחִפְּשׂוּ אֶצְלוֹ וּמָצְאוּ שְׁנֵי זְהוּבִים הַנַּ"ל וּפָסְקוּ הַבֵּית דִּין עָלָיו לְהַעֲבִיר וּלְהַפְשִׁיט מֵעָלָיו כָּל הַמַּלְבּוּשִׁים וְלִדְחֹף אוֹתוֹ לַחוּץ עָרֹם, וְעָשׂוּ כָּךְ. וְהָיָה לוֹ לְהָרַב הַנַּ"ל צַעַר גָּדוֹל מִזֶּה וְאָמַר בְּדַעְתּוֹ שֶׁטּוֹב לְפָנָיו לֵילֵךְ וְלַחֲזֹר אֶל קִבְרוֹ כִּי מֵחַיִּים כָּאֵלּוּ טוֹב מֵהֶם הַמָּוֶת. אֲבָל אֵיךְ חוֹזְרִים אֶל הַקֶּבֶר הֲלֹא אֵין לוֹ תַּכְרִיכִים, בְּתוֹךְ כָּךְ הִתְחִיל אֶחָד לִטְעֹן בִּשְׁבִילוֹ עַד מָתַי יְצַעֲרוּ אוֹתוֹ כָּל־כָּךְ, יִקְחוּ אוֹתוֹ לְמִשְׁפָּט וִיקַבֵּל אֶת דִּינוֹ וְיִפָּטֵר (וְאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל מִסְתָמָא הַזְּכֻיּוֹת שֶׁלּוֹ טָעֲנוּ כָּךְ בִּשְׁבִילוֹ), וְהֵשִׁיבוּ כִּי אִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב אוֹתוֹ עֲדַיִן אֶל הַמִּשְׁפָּט מֵחֲמַת הַתְּקִיעַת כַּף שֶׁנָּתַן בְּזֶה הָעוֹלָם, וּמֻכְרָח מִקֹּדֶם לֵילֵךְ וּלְהוֹדִיעַ וּלְהִפָּטֵר מֵהַתְּקִיעַת כַּף. וְאָז הָלַךְ וְהוֹדִיעַ לְבֶן בְּנוֹ אַחַר עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנֶה שָׁנִים כַּנַּ"ל. **אָמַר הַמּוֹצִיא לָאוֹר: שָׁמַעְתִּי בְּאוּמֶן מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל סִיֵּם כָּךְ: אֲבָל מִי שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת אֶצְלִי הַשְּׁלֹשָׁה פְּעָמִים בַּשָּׁנָה, הַיְנוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה שָׁבוּעוֹת שַׁבַּת חֲנֻכָּה יִנָּצֵל מֵעוֹלַם הַתֹּהוּ. ה' יַצִּילֵנוּ אָמֵן.**

רבי'ן; דערנאך האט מען אנגעהויבן צו פארן קיין אומאן אויף 'שבת-חנוכה'[נח].

❖ ❖ ❖

## חנוכה שפילן

מען פלעגט זיך צונויף קומען זאת־חנוכה אויף דער נאכט, מען פלעגט זינגען די נוסחאות פון יום־כיפור ביינאכט.

ר' נאשקע[נט] ע"ה האט מיר דערציילט אז דער פעטער מיטן זיידן, ר' מיכעלע מיט ר' דוד צבי'ן, עפעם א מין שפיל איז געווען - "א שטאט מיט פיר דערפער" - אזא שפיל איז געווען, זענען זיי זיך צונויף געקומען און פארבראכט, גערעדט פונעם רבי'ן אסאך, און געשפילט מיט דעם שפיל, דער שפיל איז געווען אזוי געגנ אין אידישקייט - "א שטאט מיט פיר דערפער"[ס].

(ר' מאיר קארליבאך: מען פלעגט שפילן קאָרטן חנוכה?) ניין! חס ושלום, קאָרטן?! קאָרטן איז א קליפה[סא].

---

[נח] עיין שיש"ק (חדש) ח"א אות תרע"ט.

[נט] ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[ס] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות תרע"ג; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' חנוכה ה"א אות ב': **וְזֶה בְּחִינַת הַצְּחוֹק שֶׁהָיוּ נוֹהֲגִים גַּם הַקַּדְמוֹנִים הַצַּדִּיקִים לְשַׂחֵק בַּחֲנֻכָּה בְּמִינֵי שְׂחוֹק שֶׁל הֶתֵּר** (אַף שֶׁבַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים עַכְשָׁיו בָּאִין לִידֵי עֲבֵרָה, כִּי מְשַׂחֲקִין בִּשְׂחוֹק שֶׁל אִסּוּר), זֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁמּוֹרִידִין עַצְמָן לִבְחִינַת קַטְנוּת כְּדֵי לַעֲלוֹת אֶל הַמַּדְרֵגָה הַשְּׁנִיָּה, בִּבְחִינַת יְרִידָה תַּכְלִית הָעֲלִיָּה, כַּמּוּבָא, כִּי בַּחֲנֻכָּה עוֹלִין מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא, בִּבְחִינַת מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ.

[סא] עיין 'קדושת לוי' - דרושים לחנוכה: ראיתי היום שבעו"ה נפרצה פירצה באחינו בית ישראל לשחוק בקארטין וקל בעיניהם דבר זה. אבל **הוו יודעים שבכל קארט יש בודאי קליפה גדולה** אשר לא ראויה להזכירה סהדי במרומים שלא לדרוש כוונתי רק להסיר מכשול מבני אדם דעו אחי ורעי כמה מכשולות יש בשחוק הזה. א', שבודאי בעת הזאת נשכח ממנו יראת ה'. הב', שבודאי נראה בעיני שהוא גזלן. הג', שמטמאים את עצמם בקליפות אשר אין ראוי להביא תוך הפה בכן אחי ורעי בקשתי מאד שאל יקל בעיניכם דבר זה; גם עיין 'בני יששכר' - מאמרי חדשי כסלו טבת - מאמר ב', אות י"ב: **ומזה תתבונן גודל האיסור והפגם הנעשה בנפש מי שעוסק ח"ו בשחוק הקרט"ן** (בגימ' שט"ן) **אשר המציאה הקליפה בימי שליטת היונים**.

**דריידל איז עפעס אנדערש! נ'ס ג'דול ה'יה ש'ם!**[סב]

(ר' מאיר: פלעגט מען שפילן מיט דעם?) **א דריי געגעבן; מיינע אייניקלעך ברענגען, גיב איך א דריי דארטן. 'קארטן' איז א קליפה, א טומאה.**

**עס שטייט פון דעם בארדיטשוב'ער רב, האט ער געזאגט אזוי: "וואס קען א גוי האבן 'עולם הזה' אז ער האט נישט קיין חנוכה ליכט?!".**

**"ווי קען ער האבן 'עולם הזה' - א גוי, אז ער האט נישט די מצוה פון חנוכה ליכט?!".**

**האט דער בארדיטשוב'ער רב אזוי געזאגט: "דער אור פון ימי־חנוכה איז אזוי הייליג אז עס איז א געוואלד, הייליגער ווי ערב יום כיפור, חנוכה איז געוואלדיג גרויס! נאר פון דעסטוועגן איז דאך א מנהג אז חנוכה שפילט מען, און ער שפילט דארטן 'קוויטלעך', און אום ערב יום־כיפור שפילט ער נישט - ערב יום כיפור וועט איינער שפילן 'קוויטלעך'?! - כאטש אינ'אמת'ן אום חנוכה שפילן איז הארבער ווי ערב יום־כיפור; נאר פונדעסטוועגן דער וואס ער שפילט ערב יום־כיפור איז מער עזות, מער חוצפה ווי שפילן אום חנוכה!".**

**כאטש אינ'אמת'ן איז דאך חנוכה הייליגער, וואלט געדארפט זיין פארקערט; נאר פארט שפילט ער חנוכה, ער מיינט אז חנוכה דארף מען שפילן.**

(ר' מאיר: דער רבי האט אמאל געשפילט שאך מיט די מחקרים!) **יא יא!**[סג]

**שאך איז געווען גדולים - שארפע קעפ - וואס האבן געשפילט, דאס איז א טיפע זאך.**

**'קארטן' איז א טומאה, מען טאר נישט האלטן אין שטוב קיין 'קארטן'.**

(ר' מאיר: אבער בכלל אין אומאן פלעגט מען שפילן שאך - עס נעמט דאך צייט!?) **נישט קיין סאך, נאר אביסל - חנוכה. אביסל אביסל.**

---

[סב] עיין 'שיחות הר"ן' אות מ' ענין מה שמשחקין ב'דריידל' בחנוכה; עיין גם 'בני יששכר' על חנוכה מאמר ב' אות כ"ה.

[סג] עיין כוכבי אור - סיפורים נפלאים.

די וועלט פלעגט שפילן, גאנצע דערפער האט מען פארשפילט מיט א שפיל פון שאך. אבער עס איז א קליפה אויך. עס איז געווען אמאל א גאנג פון גדולים, אבער אין די לעצטע צייט האט מען דאס אוועקגעווארפן, ווייל מען איז נתפקר געווארן דערפון, עס האט זיך ארייגעכאפט - רח"ל עס איז געווען א 'פגם הברית' דארטן.

(ר' מאיר: רבי נתן איז אריין צום רבי'ן, האט ער געזעהן דער רבי שפילט מיט זיי שאך, האט ער זיך דערשראקן -) דער רבי האט מיט זיי געשפילט שאך - האב איך געהערט[סד]. דער רבי האט פון זיי אסאך ארויסגענומען דאס אפיקורסות דורך די געננ (פון דעם שאך שפיל). עס ליגט א געוואלדיגע טיפקייט אין דעם שפיל. גדולים פלעגן האלטן דעם שפיל.

(ר' מאיר: און 'וואס האט דער רבי געזאגט רבי נתן'ען?') **"מיט אייך נעם איך אפ לענדער, מיט זיי שפיל איך** (- שאך)**!"**[סה].

איי וואס עס האט זיך איבערגעטוהן אמאליגע יארן אום חנוכה, אזא הייליגער זמן, מיט די שפילעריי, מיט די קארטין, רחמנא לצלן, א קליפה, א קליפה, די קארטין איז א טומאה, א קליפה, עס טאר נישט זיין אין א אידישע שטוב.

רחמנא ליצלן, דער אויבערשטער זאל אפהיטן, מענטשן האבן פארשפילט אינגאנצן זייער פארמעגן, זיי האבן זיך גענומען דאס לעבן, געגאנגען פון דער וועלט, איי וואס עס האט זיך אפגעטוהן מיט דעם שפיל.

---

[סד] 'כוכבי אור' שם: פַּעַם אַחַת שִׂחֲקוּ אֵצֶל רַבֵּנוּ זַ"ל בְּמִשְׂחַק הַשַּׁאח וְהַדֶּרֶךְ שֶׁבְּעֵת הַמִּשְׂחָק שׁוֹכְחִים אֶת חֶרְדַּת הַכָּבוֹד (אוּן מֶ'וֶוערְט הֵיְימִישׁ) וְלֹא הָיָה לָהֶם כָּל־כָּךְ חֶרְדַּת הַכָּבוֹד מִמֶּנּוּ זַ"ל, וּבְאֶמְצַע בָּאוּ הָרֶבִּי נָתָן וְהָר' נַפְתָּלִי אֶל הַבַּיִת בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה כַּנָּהוּג, וּכְשֶׁרָאוּ אֶת זֹאת נָפַל לָהֶם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. עָנָה וְאָמַר לָהֶם רַבֵּנוּ זַ"ל: אַתֶּם אֵינְכֶם מֵהַחַיִל שֶׁלִּי. וְסִפֵּר לָהֶם מַעֲשֶׂה, שֶׁמֶּלֶךְ אֶחָד לָקַח פַּעַם אַחַת אֶת יְדִידוֹ לְחֶדֶר מְיֻחָד וְשִׂחֵק עִמּוֹ בְּהַשַּׁאח, וְהַדֶּרֶךְ וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְשָׁכַח הַמֶּלֶךְ שֶׁהוּא מֶלֶךְ, וְכֵן הַיָּדִיד שָׁכַח שֶׁהוּא שׂוֹחֵק עִם הַמֶּלֶךְ וְשִׂחֲקוּ כִּשְׁנֵי אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים, פַּעַם נָצַח הַמֶּלֶךְ וּפַעַם נָצַח הַיָּדִיד וְכוּ', וְשָׁכַח מְעַט הַיִּרְאָה. וּבָעֵת הַזֹּאת הָיוּ נִצְרָכִים לְהַמֶּלֶךְ אֵיזוֹ שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, וְנִכְנְסוּ אֵלָיו בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה כַּנָּהוּג. וְהִתְחִיל הַיָּדִיד לְהַבִּיט עַל עַצְמוֹ הֲלֹא הוּא שׂוֹחֵק עִם הַמֶּלֶךְ, וְלֹא שִׂחֵק בְּטוֹב מִכֵּיוָן שֶׁלֹּא יְנַצַּח אֶת הַמֶּלֶךְ. וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ מַה זֶּה? זֶה אֵין עִנְיָן שֶׁלְּךָ, עִמָּם אֲנִי מַנְהִיג מְדִינוֹת, וְאִתְּךָ אֲנִי שׂוֹחֵק בְּשַׁאח; **מִיט זֵיי פִיר אִיךְ לֶענְדֶער אוּן מִיט דִיר שְׁפִּיעל אִיךְ שַׁאח.** וְכֵן הֶרְאָה רַבֵּנוּ זַ"ל בְּיָדָיו עַל מוֹהֲרַנַ"ת וְרַבִּי נַפְתָּלִי זַ"ל וְאָמַר, **עִמָּם אֲנִי מַנְהִיג מְדִינוֹת, וְאִתְּכֶם אֲנִי שׂוֹחֵק בְּהַשַּׁאח.** הַכְּלָל שֶׁיֵּשׁ הַרְבֵּה לְסַפֵּר וַהֲמוֹן יְרִיעוֹת יִקְצְרוּ מִמַּה שֶּׁעָסַק עִמָּהֶם וְכוּ'.

[סה] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' השכמת הבוקר ה"ד אות ט"ז מה שכתב לבאר עה"פ 'והוא נער את בני בלהה ואת בני זלפה' בענין מה שהצדיק מוריד את עצמו לפעמים בשחוק וכדו', עיין שם.

די משנה פסל'ט דאך אים פון עדות, "המשחק בקוביא" איז 'פסול לעדות'[סו]. [אין פוילן האט עס געהייסן "בילאר"].

[סו] משניות סנהדרין פ"ג מ"ג.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

מו"ה **שמואל ליכטער** הי"ו (מאנסי)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **יעקב קאליש** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הכנסת בנו כמר יוסף נ"י לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו (מאנסי)
לרגל נישואי בנו החה"ח אברהם אהרן נ"י למזל טוב

מו"ה **משה זילביגער** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הכנסת בנו כמר שמעון נ"י לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה **יוסף פאזען** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **יעקב וויטריאל** הי"ו (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

# לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב**
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **רוחמה שרה**
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת **פיגא רבקה** בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים